TOWER HAMLETS LIBRARIES

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

4-6 435-37 36/סטער יארגאנג אפריל-יוני 1975 לאנדאן

אינהאלט :

ה. אייר, מערת-המכפלה, ירושלים עיר הקודש ... *** 3

צים יארטאג פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא מאיר באגדאנסקי 8

אברהם רייזין צו זיינע הונדערט יאר ... יוסף לעפטוויטש 11

כ׳דערמאן זיך אלץ (ליד) ... משה שולשטיין 14

משה שולשטיין—א יידישער דיכטער פון אונזער דור שמואל גאלדשמיד 15

צו מיין קינד (ליד) ... עלזא לאסקער-שילער 16

אלע יידן זענען ברידער ... אפרים קישון 17

מיין ערשטע „קאפ-אוו-טי" אין ווייטשעפל, ס׳גערטנדל א. נ. שטענצל 23

יעקב שמואל טייבש ע"ה. „ווארשעווער געטא-אויפשטאנד
... אייזיק גאלדבערג 42

הבל הבלים ... נחמן רובין 46

צו דיין אלט ווערן 80 יאר ... דוד וואדקא 47

שמחות ביי יידן אדער שמחות אין יידישן אקטיארן-פאריין
... סעם גאלדבערג 48

א שטעקעלע אריין א שטעקעלע ארויס ... ש. 49

לאנדאנער יידישע קולטור ידיעות

TOWER HAMLETS LIBRARIES
LOCAL HISTORY LIBRARY
No:- L7818 870LOS
LC. 1035/20

רעדאקטירט א. נ. שטענצל
פרייז 15 פענס
אבאנאמענט-פרייז :—£1.50 פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

*Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

## לאנדאנער קולטור ידיעות

עס א'ז דערשינען א בוך פון דר. יעקב מייטלים.

לכבוד דעם דערשיינענעם בוך פון דר' יעקב מייטלים האבן איניקע חברים אין פריינט זיך געטראפן אין הויז פונם מחבר ביי א גלעזל משקה.

° ° °

דער הונדערטסטער געבוירן יאר פון אברהם רייזענען, וואס איז געווען אין קארא־האטעל איינגעארדנט פון „קולטור־ווינקל" איז געווען גאר אימפאזאנט.

אין פרעזידיום: יוסף לעפטוויטש, י. ח' קלינגער, פרא. טשארלעס אנ־גאף, א גאסט פון אמעריקע. די רעדע איבער רייזינס שאפן און פערזענלעכ־קייט האט געהאלטן דער באקאנטער פאעט משה שולשטיין פון פאריז. שמואל גאלדשמיד האט געהאלטן א רעפעראט איבער שולשטיינען געליינט פון אברהם רייזינס ווערק און לידער פון שול־שטיינען האט דער באקאנטער אקטיאר יוליאן גאלד און פרוי פיטשענעק־שולשטיין.

° ° °

צו דער 60סטער יארצייט פון י. ל' פרץ און הונדערסטן געבוירן יאר פון אברהם רייזין, ווערן ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס כמעט יעדן שבת גע־ליינט פון זייערע דערציילונגען רעציטירט און געזונגען פון זייערע לידער. עס באַ־טייליקן זיך אייזיק גאלדבערג, נעט רובין, מאיר באנדאנסקי א.א.

ביים סימפאזיום פון יידישן וועלט קאנ־גרעס אין פאריז האבן זיך באטייליקט פון די לאנדאנער יידישע שרייבער דר. יעקב מייטלים, י. א' ליסקי, זאנטאג און יוסף פרענקל.

צו דער בר־מצוה פון דניאל רייכמאן ווינטשן מיר טאטע מאמע, הערי און שרלע רייכמאן און זיידן פרץ רייכמאן און פרוי צו דערלעבן א סך נחת.

די יידישע ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס וועלן זיין געשלאסן 3 וואכן. צוליב די וואקאציעס: שבת דעם 2'טן, דעם 9'טן, דעם 16טן אין דעם אויגוסט.

אינם הויז פון דער אלמנה פונם פאעט יוסף לעווי ע"ה איז צו דער 20סטער יאר־צייט געווען איינגעאָרדנט א מסיבה ווו חברים האבן גערעדט איבער לעוויס שאפן און געליינט זיינע לידער.

דעם חשובן גאסט יצחק קארן אויף זיין דורכרייזע איז אויפגענומען געווארן פון די לאנדאנער יידישע שרייבער. באגריסט האט דר. ש' לעווענבערג.

אונזער טיפן מיטלייד צו בר־כוכבא נאַ־ראד צום טויט פון זיין פרוי לילי ע"ה און צו זייערע דריי טעכטער און איידעמס. לילי נאראד איז געווען א גייסטיקע טוערין אין ציוניסטישע ארגאניזאציעס און די פי־אניסטן פון קול־רנה. מספיד געווען און די תפילות געזאגט האט ראביי שעפסן, דער רב פון סאוט־ענד.

ראביי שלום ראזענפעלד, דער רב פון דער רעפארם שול אין ברייטאן, האט דורכ־געמאכט אן אפעראציע.

אויף די צוויי רעציטאציעס־און געזאנג־פארזאמלונגען אויסגעפירט פון פריינט פון יידיש לשון ביי די בלינד-ארגאניזאציעס האבן זיך באטייליקט מיט לייענען רעציטירן נעט רובין, אייזיק גאלדבערג און דוד בער־מאן און מיט זינגען, שווארץ מיט זיין פארטנערן יוסף גרינבערג, שלמה זשיקאוו־

° ° °

סקי, רות באכנער

אין ברעדי קלוב, אין ווייטשעפל האט די לאנדאנער יידישע טעאטער־גרופע אויפ־געפירט הארי אריעלס א טעאטער־שטיק.

אונזער טיף מיטלייד צו אונזערע פריינט מלכה און גדליה ליכטנשטיין צום טויט פון איר ברודער ברוך קערש.

° ° °

פריינט יצחק יעזשערסקי געפינט זיך אין שפיטאל. מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

א' י. ליסקי האט ביי די שבת נאכ־מיטאג אוגעגעבן א באריכט איבער דעם סימפאזיום פונם יידישן וועלט קאנגרעס וואס איז אנגעהאלטן געווארן אין פאריז.

די באקאנטע ווייטשעלפלער מאלערין יעטא מאנגער האלט אן אויסשטעלונג פון איר בילדער אין דער „ווייטשעפלער ליי־בערי". פון די 40 בילדער זיינען מער ווי די העלפט אויף יידישע מאטיוון.

דוד קאץ, דער זון פון באקאנטן יידישן פאעט מעינקע קאץ, פון נ'ויארק, געפינט זיך אויף א באזוך אין לאנדאן, דוד קאץ איז דער רעדאקטאר פונם ייגנד־זשורנאל „עליכם שלום".

° ° °

שבת י"ט תמוז לכבוד די יארצייטן פון דר. הערצל און חיים נחמן ביאליק כ' און כ"א תשוז האט יוסף פרענקל גע־האלטן א רעפעראט איבער הערצלען און געליינט און געזינגען פון ביאליקס לידער און פאעמען האבן: נחמן רובין, מאיר באנדאנסקי, יוסף גרינבערג און רות באכנער. עס האט אויך גערעדט נח בענ־קוויטש.


# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

4־6 37־435 36'סטער יארגאנג אפריל־יוני 1975 לאנדאן


### ה. אייר תשלה

— פארוואס בין איך אזוי טרויעריק,
עס איז דאך א יום־טוב ביי אונז היינט ?
— ווי קאן איך פריילעך זיין, אונזער לאנד
ארומגערינגלט מיט אזויפיל פיינט.

מיליאנען, חיילות־לעגיאנען,
באוואפנטע ביז איבער די ציין,
און מיר דער „המעט מכל עם"
קיגן אלע, איינער און אליין.

ניין, נישט פון פיין בלויז צאפלט א הארץ,
פון א תפילה בלחש צעוויינט:
א, ווען שוין שטאט איין גרויסער שנאה
אלע פעלקער איין ליבשאפט פאריינט ?

א, ווען נישט דאס געווער און אויפהער,
אלע מענטשן זאט דאך געקענט זיין — —
די גאנצענע וועלט איין גרויסע פרייד,
מיט געפריידט מיט אונז זיך גאט אליין.

עס וואלט דאך א גאט דעמלט געווען!
אין מענטש צו מענטש א ברודער, א פריינט —
פארוואס בין איך אזוי טרויעריק,
צי איז נישט א יום־טוב ביי אונז היינט ?

זע די זון אויבן אינם הימל,
א גילדערנער כוס איבערצוגיין;
א לחיים צו דער גארער וועלט,
צעשוימט מיט יין־משומר ווין.

## לאנדאנער קולטור ידיעות

עס איז דערשינען א בוך פון דר. יעקב מייטליס.

לכבוד דעם דערשיינענעם בוך פון דר׳ יעקב מייטליס האבן איניקע חבר״ים אין פריינט זיך געטראפן אין הויז פונם מחבר ביי א גלעזל משקה.

• • •

דער הונדערטסטער געבוירן יאר פון אברהם רייזענען, וואס איז געווען אין קארא־האטעל איינגעאדנט פון „קולטור־ווינקל״ איז געווען גאר אימפאזאנט.

אין פרעזידיום: יוסף לעפטוויטש, י. ה׳ קלינגער, פרא. טשארלעס אנ־גאף, א גאסט פון אמעריקע. די רעדע איבער רייזינס שאפן און פערזענלעכ־קייט האט געהאלטן דער באקאנטער טאעט משה שולשטיין פון פאריז. שמואל גאלדשמיד האט געהאלטן א רעפעראט איבער שולשטיינען געליינט פון אברהם רייזינס ווערק און לידער פון שול־שטיינען האט דער באקאנטער אקטיאר יוליאן גאלד און פרוי פיטשענעק־שולשטיין.

• • •

צו דער 60טער יארצייט פון י. ל׳ פרץ און הונדערסטן געבוירן יאר פון אברהם רייזין, ווערן ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס כמעט יעדן שבת גע־ליינט פון זייערע דערציילונגען רעציטירט און געזונגען פון זייערע לידער. עס בא־טייליקן זיך אייזיק גאלדבערג, נעט רובין, מאיר באגדאנסקי א.א׳

ביים סימפאזיום פון יידישן וועלט קאנ־גרעס אין פאריז האבן זיך באטייליקט פון די לאנדאנער יידישע שרייבער דר. יעקב מייטליס, י. א׳ ליסקי, זאנטאג און יוסף פרענקל.

צו דער בר־מצוה פון דניאל רייכמאן ווינטשן מיר טאטע מאמע, הערי און שרלע רייכמאן און זיידן פרץ רייכמאן און פרוי צו דערלעבן א סך נחת.

די יידישע ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס וועלן זיין געשלאסן 3 וואכן. צוליב די וואקאציעס: שבת דעם 2׳טן, דעם 9׳טן, דעם 16טן אין דעם אויגוסט׳

אינם הויז פון דער אלמנה פונם פאעט יוסף לעווי ע״ה איז צו דער 20סטער יאר־צייט געווען איינגעאדנט א מסיבה ווו חברים האבן גערעדט איבער לעוויס שאפן און געליינט זיינע לידער.

דעם חשובן גאסט יצחק קארן אויף זיין דורכרייזע איז אויפגענומען געווארן פון די לאנדאנער יידישע שרייבער. באגריסט האט דר. ש׳ לעווענבערג.

אונזער טיפן מיטלייד צו בר-כוכבא נא־ראר צום טויט פון זיין פרוי לילי ע״ה און צו זייערע דריי טעכטער און איידעמס. לילי נאראר איז געווען א גייסטיקע טוערין אין ציוניסטישע ארגאניזאציעס און די פי־אניסטן פון קול־רינה. מספיד געווען און די תפילות געזאגט האט ראביי שעפסן, דער רב פון סאוט־ענד.

ראביי שלום ראזענפעלד, דער רב פון דער רעפארם שול אין ברייטאן, האט דורכ־געמאכט אן אפעראציע.

אויף די צוויי רעציטאציעס־און געזאנג־פארזאמלונגען אויסגעפירט פון פריינט פון יידיש לשון ביי די בלינד-ארגאניזאציעס האבן זיך באטייליקט מיט לייענען רעציטירן נעט רובין, אייזיק גאלדבערג און דוד בער־מאן און מיט זינגען, שווארץ מיט זיין פארטנערן יוסף גרינבערג, שלמה זשיקאווו־

• • •

סקי, רות באכנער׳

אין ברעדי קלוב, אין ווייטשעפל האט די לאנדאנער יידישע טעאטער־גרופע אויפ־געפירט הארי אריעלס א טעאטער־שטיק.

אונזער טיף מיטלייד צו אונזערע פריינט מלכה און גדליה ליכטנשטיין צום טויט פון איר ברודער ברוך קערש.

• • •

פריינט יצחק יעזשערסקי געפינט זיך אין שפיטאל. מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

א׳ י. ליסקי האט ביי די שבת נאכ־מיטאג אוגעגעבן א באריכט איבער דעם סימפאזיום פונם יידישן וועלט קאנגרעס וואס איז אנגעהאלטן געווארן אין פאריז.

די באקאנטע ווייטשעלפלער מאלערין יעטא מאנגער האלט אן אויסשטעלונג פון איר בילדער אין דער „ווייטשעפלער ליי־בערי״. פון די 40 בילדער זיינען מער ווי די העלפט אויף יידישע מאטיוון.

דוד קאץ, דער זון פון באקאנטן יידישן פאעט מעינקע קאץ, פון נ׳ויארק, געפינט זיך אויף א באזוך אין לאנדאן, דוד קאץ איז דער רעדאקטאר פונם יוגנט־זשורנאל „עליכם שלום״׳

• • •

שבת י״ט תמוז לכבוד די יארצייטן פון דר. הערצל און חיים נחמן ביאליק כ׳ און כ״א תשוז האט יוסף פרענקל גע־האלטן א רעפעראט איבער הערצלען און געליינט און געזינגען פון ביאליקס לידער און פאעמען האבן: נחמן רובין, מאיר באגדאנסקי, יוסף גרינבערג און רות באכנער. עס האט אויך גערעדט נח בענ־קוויטש.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

4־6 435־37 36׳סטער יארגאנג אפריל־יוני 1975 לאנדאן

### ה. אייר תשלה

— פארוואס בין איך אזוי טרויעריק,
עס איז דאך א יום־טוב ביי אונז היינט ?
— ווי קאן איך פריילעך זיין, אונזער לאנד
ארומגערינגלט מיט אזויפיל פיינט.

מיליאנען, חיילות־לעגיאנען,
באוואפנטע ביז איבער די ציין,
און מיר דער „המעט מכל עם״
קייגן אלע, איינער און אליין.

ניין, נישט פון פיין בלויז צאפלט א הארץ,
פון א תפילה בלחש צעווייגט :
א, ווען שויך שטאט איין גרויסער שנאה
אלע פעלקער איין ליבשאפט פאריינט ?

א, ווען נישט דאס געווער אן אויפהער,
אלע מענטשן זאט דאך געקענט זיין — —
די גאנצענע וועלט איין גרויסע פרייד,
מיט געפריידט מיט אונז זיך גאט אליין.

עס וואלט דאך א גאט דעמלט געווען !
אין מענטש צו מענטש א ברודער, א פריינט —
פארוואס בין איך אזוי טרויעריק,
צי איז נישט א יום־טוב ביי אונז היינט ?

זע די זון איבן אינם הימל,
א גילדערנער כוס איבערצוגיין;
א לחיים צו דער גארער וועלט,
צעשוימט מיט יין־משומר ווין.

ניין, נישט טרויעריק, נישט מרה־שחוריק —
עס איז דאך א יום־טוב ביי אונז היינט!
בגלופין, טויט־אנגעשכורט,
מיין הארץ אין מיר, פרייד־צעוואקלט וויינט.

יא, נאך א מאל און ווידער א מאל
לחיים! ס׳איז גוט און גוט מוז זיין!
ס׳זיינען מיינע פיס נאר וואס וואקלען,
עס וועט אונזער לאנד נישט אונטערגיין.

## פאר דער מערת-המכפילה

אז יעטוועדער פסוק פון די נביאים
אזא ראשי־תיבות איז געווען,
און דער טאג ווען דער משיח וועט קומען,
פון אים בפירוש ארויסצולעזן — —

אז יעט־וועדער טאג פרנסה אין גלות,
קריעת־ים־סוף — דער ים זיך צו שפאלטן!
ביז איבערן האלז טיף אין בלוט געגאנגען
אין טויזנטער יארן אויסגעהאלטן.

אזא מין גלויבן מקוים מוז ווערן!
פארגעסן שיער — — מיך געטון דערמאנען,
מיין מאמעס „איכה״ פון טייטש־חומש ארויס,
און משיחס טריט ווידער כ׳הער שפאנען.

די געוויינען פון די ווייבער ארום איר,
פון די פיר הונדערט קינדער ז׳טוט לייענען,
און ערשט פון חנהן מיט אירע זיבן זין —
די פיר ווענט פון דער שטוב געטון מיטוויינען.

און שרה די טויבע געזעסן הינטן,
צוצושעפטשן נישט געטון אויפהערן:
„ווען גאט צומאל האבן א הארץ פון א גוי,
צו אזא געוויין ר׳מוז זיך צוהערן״ —

מאדנע ווען פאר דער מערת־המכפלה
פארטראכט אין מחשבות כ׳בין געשטאנען,



אין קיין שום פסוק — דווקא אין דער טויבער
שרהס רייד מיך געטון טון דערמאנען.

## ירושלים עיר-הקודש

ידי־עשו גייען באשטימען
וועם ירושלים זאל געהערן —
און מיינע אויערן דאס געוויין
פון „על נהרות בבל״ רק הערן.

אז זי גייט טאקע אצינד ווערן
שטאט פון פעלקער איך גאט גלויבן,
צו שטימען אז אזוי עס זאל זיין,
ווי וואלט איך מיין האנט מיטאויפגעהויבן.

יא, אן „עיר שחוברה לה יחדו״,
פון איין מענטש מיר אלע דאך שטאמען,
און באמת טאקע און פארוואר,
כאיש אחד אלע מענטשן צוזאמען.

א דריי־אייניקייט אבער ווערן,
אן אחדות — די מורא וואס כ׳האב מורא!
אזא באזאר, א גלעקער־געקלאנג,
און מיר „תורה איז די בעסטע סחורה״.

ירושלים, מיין רעכטע האנט,
איך הייב אויף, ווי קאן איך פארגעסן
ווי מיין טאטע מיט אש אויפן קאפ
חצות אפרעכטנדיק איז געזעסן —

איין שטיק צער גאנצער הדרת פנים!
די שוועל א נאסע פון הייסע טרערן!
נאך אצינד איך ציטער־אויף ווען זיין
„עד מתי אדוני!״ איך טו הערן —

ירושלים, עיר־הקודש,
ווערט וואר איבער דיר ס׳ווארט פון די נביאים,
וועט דער „וגר זאב עם כבש״,
פארוואר, אויך מוזן ווערן מקוים.

דער גארער כדור־הארץ
איין גרויסע ערד פאר אלע מענטשן,
„פון אלע פנימער אפגעווישט . . .
די טרער“ . . . ווי ג־אטסווארט געטון בענטשן.

ידי עשיו גייען באשטימען,
ווען ירושלים זאל געהערן,
אין דער גאנצער כדור־הארץ,
איין גרויסער לאגער פול געווערן.

## ס׳גוג מגוגל דעמאגאגל

רעוואלווער העלד, יאסיר אראפאט,
„מוסולמענער געהערט ארץ־ישראל“!
אקערן נישט „מוסולמאנער“ איצט,
יהודה־בערג און דעם נגב־טאל?

פון די נביאים ד׳בייזע שטראף־רייד,
זיינען ווּאר געווארן — נאך מיט א שמיץ!
איז אויך זייער טרייסט איצט געקומען — —
ס׳איז געמעלה־גירה דיין ציין־געקריץ.

דער אדרעס פון דער פלישתים־מלוכה?
עבר־הירדן — אויף צווייטער זייט!
דא יעדער „מוסלמאן“ — שמשון איצט,
בלינד פון ליבשאפט שטייט ער גרייט.

ווילסט זיין א קעניג, בבקשה!
ווער ברויך ס׳כאסיינדל, ס׳איידמל אויף קעסט?
קוק עס אן דעם גרויסן צעלייגער,
אז רק שקרים ס׳מעלה־גירהט און פרעסט.

## „בולע המות לנצח“-צייטן

אלע גמטריאות האר געניי,
בעסטער סך־הכול — ס׳לאנד אייגנגענומען!
אבער די אמתע כלים אצינד,
מוז מען באצאלן מיט מזומן.



די כותל איצט ווידער חלילה פארלירן,
אין וואסער וואנט פון צער דעם קאפ איצט צעקלאפן,
אז קיין געטא־וואנט צומאל מיר מער נישט האבן?
בלינדע וואס קאנען זיך אהיים נישט דערטאפן.

זיינען איצט טאקע משיח׳ס צייט, קץ?
קץ קאן מען דאך אבער אויך טייטשן:
סוף! „קץ כל בשר“ — — זע מענטשן גרייטן
איינס דאס אנדערע צו צעפליישן.

צי גייען נישט מקוים איצט ווערן,
די „בילע מות לנצח־צייטן“?
ס׳וועלן די מענטשן נישט שטארבן מער —
הרגענען ס׳וועט איינער דעם צווייטן!

האט עס נישט אנגעהויבן שוין,
און דער סוף כל סוף — אטאמבאמבע:
און דער גאנצער ערד קיילעך פאר אלע,
מענטשן־קינדער — איין קאטאקאמבע.

## „כביכול“

עס האט מיין טאטע אש אויפן קאפ זיך געשיט,
ווען נאך האלבע נאכט חצות געטון אפריכטן;
גאנצע קופעס קרעמאטאריע אש אויף קאפ, ג־אט,
נאכדעם ווי די גאנצע מענטשהייט זיך פארניכטן?

ער וועט אראפ פון זיין כסא־הכבוד־שטול,
אויפן פיסנבענקעלע־ערד זיך צו זעצטן —
אן איוב מיט די זון־שארבן זיך צוקראצן!
און אויסזען, להבדיל, א געץ צווישן געצן?

## א קוויטל צווישן די כותל-מערבי-שטיינער

ס׳איז משה נישט אריינגעקומען קיין ישראל,
ווייל ר׳האט נישט גערעדט צום שטיין — נאר אים געשלאגן!
שטייען יידן אצינד ביי די כותל־שטיינער,
און ריידן און וויינען און בעטן און זאגן:

„עד אנה אדוני״יי עד מתי אדוני״!
זייערע טרערן צו טריפן נישט אויפהערן — —
דערבארעמדיקער דו, קל רחום וחנון,
דאס הארץ פון א קיזל־שטיין קאן דאך ווייך ווערן.

א, דער שאכער מאכער — דער מסחר,
ווי הימליש עס פליען די טשעקן!
וואס איין פאנטאם איז מוז קאסטן,
טויזנט יתומים שפייזן קלעקל — —

מאיר באגדאנסקי

## צום יארטאג פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא

שוין 32 יאר זיינען פארביי זינט דעם אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא; שוין גאנצע 30 יאר זינט די דייטשן זיינען ענדלעך פולשטענדיק צעשמעטערט און באזיגט געווארן דורך די אליאירטע מיליטערישע כוחות, וועלכע האבן אזוינאך א סוף געמאכט צום חלום פון א טויזנטיאריקער נאצישער הערשאפט איבער דער וועלט — און מענטשן האלטן נאך אין איין גריבלען זיך און פארשן דעם מאדנעם פעריאד אין דער געשיכטע, מיטן ציל צו דערגיין וואס האט גורם געווען די מעשים־תעתועים; מעשים פאר וועלכע עס איז אפילו קיין אמתע באצייכענונג נישט פאראן אין קיין שום ווערטערבוך. ווארום, דא האנדלט זיך דאך נישט אין עפעס א פאר אנפאלן פון כוליגאנעס וועמעס מוחות זיינען פשוט צעדרייט און וועלכע זיינען אומפעאיק זיך אפצוגעבן א דין וחשבון פון דעם וואס זיי טוען. די נאצישע מעשים תעתועים זיינען אפגעטון געווארן, לויט א פון פריער אויסגעארבעטן פלאן, דורך צענטליקער טויזנטער דייטשן אין אלע לענדער אונטער זייער אקופאציע. די רעגולערע ארמיי ווי די ס.א. און ס.ס. אפטיילונגען האבן אין א גלייכער מאס אנטייל גענומען אין די דאזיקע עקסטערמינאציעס. דערביי איז דאך דער, אזוי גערופענער, פירער זייערע — זיין עקלהאפטן נאמען ווילט זיך נישט אנרופן דא ווען מען רעדט וועגן אונזערע קדושים — נישט געקומען צו דער מאכט דורך א פוטש, נאר ער איז אויסגעוויילט געווארן מיט א מערהייט שטימען אין דעמאקראטישע וואלן. אין אלע הינזיכטן זיינען דאס געווען נארמאל מענטשן, נישט קיין חיסור דעה'דיקע. גוטע זין און טעכטער צו זייערע עלטערן; גוטע עלטערן צו זייערע קינדער; גוטע מענער צו זייערע פרויען; גוטע איינער צום אנדערן; און א הויך קולטורעל פאלק, וועלכעס האט ארויסגעגעבן פון זיך גרויסע גייסטער. אבער קיינער קען זיך נישט דערגרונטעווען צום מקור פון דעם אזא, מאראלישער געפאלנקייט, פון די דייטשן.

פאר אונז, אבער, די אפשטאמיקע פון די וועמעס אנדענק מיר פייערן



דא היינט, איז דאס נישט קיין ענין פון אבסטראקטע פארשונגען. די אומגעבראכטע מיט אלע מיתות משונות זיינען בלוט פון אונזער בלוט און פלייש פון אונזער פלייש און מיר זיינען די דירעקטע אבליק נאך זיי. מיר קענען זיי נישט פארגעסן, טאג און נאכט שטייען זיי פאר אונזערע אויגן. זיי זיינען דא מיט אונז ווי נאר מיר שטייען אויף פון שלאף יעדן פרימארגן און זיי זיינען אין אונזערע דמיונות ווען מיר לייגן זיך שלאפן. מיר פילן ווי זיי וואלטן גערופן צו אונז „פארוואס איז דאס אונז געקומען; וואס איז דער זין פון אונזער פארטיליקונג“.

יארן לאנג איז אנגעגאנגען א שימף קאמפאניע, אין וועלכער יידן האבן געהאט נישט קיין קליינעם אנטייל, אז זיי האבן זיך געלאזט פירן צו דער שחיטה ווי שעפעלעך, אן דעם מינדעסטן ווידערשטאנד. שפעטער האבן די פאלאקן געפרווט זיך צוצואייגענען דעם אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא. אבער די פאקטן שרייען צום הימל און קיינער, נישט געקוקט אויף דעם מיט וואסער געשיקטע פראפאגאנדע זיי זאלן זיך נישט באנוצן, קען נישט פארלייקענען דעם פאקט אז די יידן זיינען געווען די איינציקע וועלכע האבן זיך אנטקעגן געשטעלט די דייטשן אין אפענעם קאמף מיט געווער אין די הענט. די דייטשן האבן געווילדעוועט מיט דער גרעסטער אכזריות איבער די פעלקער אין אלע לענדער אונטער זייער אקופאציע; אבער קיינער אין קיין שום לאנד איז נישט ארויס אין אפענעם קאמף קעגן זיי, נישט געקוקט דערויף וואס זייער לאגע איז געווען אומפארגלייכלעך בעסער ווי די לאגע פון די יידן פארשפארטע אין געטאס. דער אויפשטאנד פון די פאלאקן (בלויז אין ווארשע — אגב אורחא) קען גארנישט פארגליכן ווערן מיט דעם אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא.

אין די קאנצענטראציע לאגערן האבן זיך געפונען, אחוץ די יידן, אויך מיליאנען נישט יידן, צווישן זיי מאסן רוסישע קריגס געפאנגענע. קריגס געפאנגענע, דאס זיינען דאך זעלנער; די יינגסטע, די קרעפטיקסטע, געשולטע אין הלכות מלחמה! אבער קיינער פון זיי האט קיין אויפשטאנד נישט געמאכט. בלויז יידן, די וועלכע זיינען אויך דארט געווען פון די אממיינסטן געפייניקטע, האבן געמאכט אויפשטאנדן אין פיל קאנצענטראציע לאגערן.

ווער קען באנעמען די העלדישקייט, די גבורה און די קדושה צו וועלכער עס האבן זיך דערהויבן די יידן אין אלע געטאס און אין אלע קאנצענטראציע לאגערן?

היות, ווי צוליב זיין פארנעם און דויער איז דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא געווען דער גרעסטער פון אלע אויפשטאנדן — באטראכטן מיר דעם יארטאג פון זיין אויסברוך ווי די סימבאלישע יארצייט פון די אויפשטאנדן אין אלע געטאס און קאנצענטראציע לאגערן.

די זעקס ליכט, וועלכע מיר צינדן אן, סימבאליזירן פאר אונז די זעקס מיליאן אויסגעלאשענע יידישע לעבנס, נאך וועלכע עס זיינען אפילו קיין קברים נישט פאראן. צו די ברענענדיקע זעקס ליכט קומען מיר אויף „קבר

אבות" און ווי דער מנהג איז אויף קבר אבות, גיסן מיר אויס אונזערע טרערן אויף דעם חורבן וואס עס האט אונז געטראפן ווי א פאלק און אויף דעם חורבן וואס עס האט געטראפן יעדן פון אונז באזונדער; אויף דעם עלנד אין וועלכן יעדער פון אונז איז געבליבן; אויף אונזערע לעבנס וואס זיינען צעשטערט געווארן און בלייבן ווייטער צעשטערט. דא ביי די זעקס ליכט גיבן מיר אפ כבוד די געפאלענע קעמפער אין ווארשעווער געטא און אין אלע אנדערע געטאס; מיר גיבן אפ כבוד די געפאלענע קעמפער אויף דעם קאנצענטראציע לאגער אין טרעבלינקע און אין אלע אנדערע קאנצענטראציע לאגערן. מיר גיבן אפ כבוד דעם קדוש ארטור זיגלבוים, וועלכער האט דא אין לאנדאן זיך געברענגט א קרבן אויף זיין אייגענער עקדה לטובת די פארשפארטע אין די געטאס און קאנצענטראציע לאגערן.

מיר גיבן אפ כבוד אונזערע טאטעס און אונזערע מאמעס; אונזערע שוועסטער און ברידער; אונזערע פרויען, מענער און אונזערע קינדער; אלע אונזערע משפחה מענטשן, אלע אונזערע פריינט, אלע אונזערע שכנים; אלע זעקס מיליאן פרויען, מענער, אלטע לייט און קליינע קינדער — קינדער א גאנצן מיליאן, א גאנצן מיליאן!!! וועלכע זיינען אומגעבראכט געווארן מיט די ערגסטע מיתות משונות דורך די נאצים. ימח שמם וזכרם. מיר גיבן אויך אפ כבוד די ציגיינער, וועלכע די נאציס האבן אומגעבראכט אויף דעם זעלבן אופן ווי די יידן און צוליב די זלבע מאטיוון. נאך זיי איז אפילו נישט געבליבן ווער פון זייערע אייגענע וואס זאל זיי אמאל דערמאנען.

אבער, ווי שטארק עס זאל נישט זיין אונזער צער טאר מען נישט אריינפאלן אין קיין אומגעצוימטער עצבות. אויף אונז, די על פי נס ניצול געווארענע, ליגט די אויפגאבע אונטערצוהאלטן דעם אנדענק פון די זעקס מיליאן אומגעקומענע קדושים וטהורים סיי צווישן די יידן און ספעציעל צווישן דעם יונגן דור און סיי צווישן די נישט יידן, כדי זיי שטענדיק צו דערמאנען צו וואס אומגעצוימטע וואנזיניקייט און גייציקייט קען דערפירן. מיר יידן ווייסן אמבעסטן דעם ווערט פון שלום צווישן פעלקער און פון געגנזייטיקער טאלעראנץ. עס ליגט, דעריבער, אויף אונז דער חוב צו טון אלץ וואס מעגלעך איינצוהאלטן דעם שלום צווישן אלע פעלקער, ווייל נאר אין א וועלט פון שלום און טאלעראנץ קענען מיר עקזיסטירן. עס ליגט אויף אונז די אויפגאבע אנצוהאלטן און ווייטער אנטוויקלען די קולטור פון די זעקס מיליאן אומגעקומענע און אזוינאך אנהאלטן אונזער יידישע אייגנארטיקייט.

אין אייראפע, וועלכע איז שטענדיק געווען די נעסט פון מלחמות איבער דער גאנצער וועלט, האט שוין זייט הונדערטער יארן נישט עקזיסטירט אזא לאנגער פעריאד פון שלום ווי דער איצטיקער. שטארקט דאס אונזער האפנונג אז די מענטשהייט וועט איינזען דעם אומזין פון מלחמה און דעם אומזין פון שנאה; אז זי וועט פארשטיין אז די וועלט איז פאר יעדן, סיי אלס יחיד און סיי אלס געמיינשאפט. און מיר יידן, וועלן דאן קענען לעבן הארמאניש צוזאמען זייט ביי זייט מיט אלע אנדערע.





## אברהם רייזן צו זיינע הונדערט יאר

כ'האב לעצטנס צו רייזנס הונדערט יאר, געלייענט א צאל ארטיקלען וועגן אים, אין צייטונגען און זשורנאלן אין פארשידענע ערטער. און עפעס מאדנע — די באציונג איז כמעט איבעראל באגלייט מיט א מין גערינגשאץ, ווי מ'וואלט זיך אביסל געשעמט מיט אים. אן אלט־מאדישער פאעט, וואס אמאל האט ער געטויגט, אבער ניט היינט. די יידישע פאעזיע איז היינט אויסגעוואקסן, און ווי איין קריטיקער שרייבט, „עס איז פאלג מיך א גאנג פון רייזנס ביז סוצקעווערס א ליד." אדער צו לייוויקס א גרויסע פאעמע. ווי קען רייזן, „מיט זיינע באגרענעצטע מעגליכקייטן מיטמאכן דעם גרויסן קפיצת הדרך פון דער יידישער דיכטונג?"

די ווארשעווער „פאלקס־שטימע" האט אפגעגעבן רייזנס צענטאנאר גאנצע זייטן, צווישן אנדערע פון דעם קריטיקער צאלעל בליץ, וועלכער לויבט אפילו רייזן, וואס ער, זאגט ער, איז „איינער פון די גאר ערשטע יידישע פאעטן אין מאדערנעם זין: נאר ער זעט אים ווי א מין ערשטלינג, וואס איז אויך אט וואס אויסגעוואקסן פון אנ'ארום פון בדחנים און פאלקלאריסטישער אומבאהאלפעכקייט". ער איז, הייסט עס, אויסגעוואקסן דערפון, און דאך געבליבן שטעקן אין יענע ווארצלען, נישט איבערגעוואקסן.

ס'איז ניט ניי. מיט באלד פופציק יאר צוריק, ווען רייזן איז געווען פופציק יאר אלט, האט לעא קעניג אין זיין בוך „שרייבער און ווערק" אנגעהויבן זיין עסיי איבער רייזן מיט די ווערטער: „צו רייזן האט זיך די יידישע אינטעליגענץ און די אפיציעלע יידישע קריטיק שטענדיק באצויגן אביסל סנאביש". מ'קוקט אויף אים ווי אן איבערבלייב פון יענער אלטער תקופה פון „בדחנים און פאלקלאריסטישער אומבאהאלפנקייט". טאקי ווי ער אליין פרעגט זיך, „ווי קום איך זינגן?" שרייבט אויך דער קריטיקער יצחק קאהאן — „מען דארף צו רייזנס שאפונגען צוגיין מיט דער מאס פונעם ערשטן עטאפ אין דער יידישע דיכטונג אין די ראל וואס זי האט דעמאלט געשפילט פארן יידישן פאלקסמענטש". און ווייטער „זיין גאנץ לעבן און שאפן איז דורכגעגאנגען מיט תמימות און פשטות".

ס'איז אזוי — און ניט אינגאנצן אזוי. רייזן איז ניט געווען אזוי פשוט, אזוי איינפאך. ער אליין האט זיך געווערט קעגן די דאזיקע מיינונג וועגן דעם. „כאטש איך שרייב און זינג קלאר, בין איך ניט אבער אזוי פשוט ווי די קריטיקער ווילן זיך פארשטעלן. דווקא דאס קלארע איז טיף און דאס פארפלאנטערטע איז אמאל פלאך".

איך וועל ניט זאגן אז אין דעם צוגאנג צו רייזן איז אויך פאראן אביסל קנאה. אבער ס'קען זיין. האט דאך אונז לעיעלעס דערציילט אז אין זיינע יונגע יארן אין אמעריקע איז צווישן „די יונגע" געווען א שטארקער אנטאגאניזם קעגן יהואש, און ניט בלויז צוליב פאעטישע טעמים. ס'איז נאטירלעך, זאגט לעיעלעס, אז יעדע נייע גרופע שרייבערס זאל אנפאלן אויף די

עלטערע אנערקענטע, כדי צו געפינען אנ׳ארט פאר זיך.

אבער לייוויק און סוצקעווער האבן זייער זיכערן ארט שוין, און ברויכן
קיינעם ניט אנצופאלן, כדי צו פארנעמען זיין ארט. איך זיכער דארף נישט
ערשט ערקלערן אז איך האלט פון ביידע. ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק
האב איך דערהאלטן א בריוו פון לייוויקס זון דניאל, אז ציקא האט אים
געשיקט מיין נייע פען. אנטאלאגיע פון דער היינטצייטיקער יידישער ליטע־
ראטור, און ער איז שטארק גערירט און ער דאנקט מיר פאר דעם גרויסן
ארט וואס איך האב אפגעגעבן זיין טאטן. און סוצקעווער איז דאך מיין ידיד
זינט ער האט אנגעהויבן שרייבן, און איך האב ארויסגעגעבן א בוך וועגן
אים, מיט גרויס אנערקענונג און ליבע.

עס פארמינערט ניט רייזן, דא ניט לאנג איז געווען אין „טיימס" אן
איבערבליק איבער די ענגליכע דיכטונג פון דער וויקטאריאנישע צייט. איז
דארט דערמאנט אז טעניסאן, דער גרויסער קלאסיקער כמעט, דער לאריאט,
איז זיך מודה געווען אז ראבערט בערנס, דער פאלקס־פאעט איז א גרעסערער
דיכטער פון אים. און בערנס האט א סך פריער געטאן דאס וואס רייזן האט
געטאן, גענומען א פאלקסליד, גענומען עס פון מויל פונם פאלק, און אריינ־
געגעבן דערין זיין כשוף. זיין גאלדן ליד „מיי לאוו איז לייק א רעד רעד ראוז"
איז געווען א שאטיש פאלקליד וואס בערנס האט וואנדערלעך באלעבט. קיין
חדוש ניט וואס רייזן האט געשפירט א קרובהשאפט, און האט איבערזעצט
דאס ליד, און עס אריינגענומען אין זיין בוך לידער. רייזנס לידער האבן אויך
א כשוף אין זיך. למשל — אין דער וויכטיקער סקריבנער אנטאלאגיע פון
דער וועלט־פאעזיע, אויף אלע שפראכן, געפינט זיך, אין מיין איבערזעצונג,
רייזנס פראכטפול ליד. „קיש מיר אויס דיגרויע האר, מיין זיס הארץ, אפשר
וועלן זיי צוריק ווערן שווארץ". א גאלדן ליד, אמתע פאעזיע, דערזעלבער
כישוף מיט וועלכן מאנגער האט אריינגעגעבן לעבן אין וועלוועל זבארזשער׳ס
„בריוו צו מלכלע די שיינע". ביקל האט אין זיינעם א מאמר איבער רייזן
געפרעגט: „איז רייזן, הייסט עס, א פאלקס־דיכטער?" און ער ענטפערט:
„ניין, ער איז אן ערך העכער דערפון, ער איז דער ערשטער ווארער יידיש־
דיכטער פונם פאלק."

רייזן האט דערציילט, אז ווען ער איז געווען יונג, ווען ער האט נאך
געדינטביים רוסישן צאר אין דער ארמיי, האט פרץ, וואס האט זיך דאן
גענומען צו שרייבן זיינע „פאלקסטימליכע געשיכטן", אים געשריבן ער זאל
אים צושיקן אלע פאלקלידער וואס ער געדענקט. האט רייזן זיך אוועקגע־
זעצט אין דער קאזארמע, און האט אנגעשריבן אלע פאלקסלידער וואס ער
האט געדענקט, און דאן האט ער צונויפגענומען אלע יידישע זעלנער אין
דער קאזארמע, און יעדער פון זיי האט צוגעשריבן די פאלקסלידער וואס
זענען ביי אים געבליבן אין זכרון. פרץ האט זיי געהעריק אויסגענוצט. ניט
נאר פרץ האט געהאלטן פון פאלקס־ליד. זלמן שניאור, א דיכטער פון אנ׳־
אנדער סארט, האט שטאלצירט דערמיט, וואס זיין ליד „מארגאריט קעלעך"



איז אנגענומען געווארן ביים פאלק ווי א פאלקסליד, און מענשן גלייבן ניט
אז ער, שניאור, איז דער מחבר.

און רייזן איז גארניט געווען אזוי עדר פשוטער פאלקסמענטש וואס זיינע
לידער האבן זיך געגאסן פון אים אן אן צאם, א מין פרימיטיוו. ווייס איך
פון מיינע געשפרעכן מיט אברהם רייזן אין ניו־יארק, ווי ער האט לאנג
געטראכט וועגן זיינע ווערטער, וועגן יעדן אויסדרוק, וועגן זיינע גראמען,
ער האט געקענט זיצן מיט מיר שעהן, און איבערחזרן א ווארט, א זאץ אין
מיינס אנ׳איבערזעצונג פון זיינס א ליד, פרעגן צי וואלט אפשר אנ׳אנדער
ווארט גענויער איבערגעבן זיין מיין. איך געדענק עס בפרט מיט זיין „פרעגט
די וועלט די אלטע קשיה" און זיין וואנדערליך ליד „מאי־קא משמע לן".

איבערהויפט איז רייזן געווען דער דיכטער פון דער יידישער ארימ־
קייט, און אין יענע יארן פון רעוואלוציאנערע האפנונגען, פון וואס צאלעל
בליץ רופט „סאציאלער אויפברויז", געדענק איך אלס יינגל אין וויטשעפל
ווי יידישע ארבעטער פלעגן זינגען רייזנס „קירכן־גלאקן", הילעט בייזע
ווינטן, „העמערל קלאפ", „א געזאנג האלבע — אכט". די לידער אליין זענען
געניג צו געבן רייזן אומשטערבלעכקייט. און ער איז אויך געווען א יידיש־
נאציאנאלער דיכטער — „א, גיכער משיח, גיכער שוין קום:" ווען כ׳צינד
די ליכטעלעך אן, די אכט", „משה — און עס ברעכן זיך די קייטן, און עס
רייסן זיך די שטריק".

רייזן דער פאעט איז אויך געווען א פראזע־שרייבער. געשריבן שיינע
דערציילונגען. פונם פאלק־לעבן. פונם לעבן פון פאלק. אויף זיין פאלק־וועג.
ווי אין זיין דערציילונג פון אליהו הנביא, וואס האט א ייד צאלן זיינע חובות,
אז דער ייד האט דערציילט זיין פרוי וואס פאר א גליק ס׳איז אים געשען, און
אז ער איז זיכער דער ייד וואס האט אים געהאלפן מוז זיין אליהו הנביא, האט
זי געזאגט — ניין, ס׳קען ניט זיין, וואלט ער געווען אליהו הנביא וואלט ער
ניט נאר אפגעצאלט דיינע חיבות, ער וואלט דיר געגעבן א מיליאן דערצו:

ס׳ווילט זיך דערציילן עטלעכע מעשיות וועגן רייזן, און וועגן זיין ברודער
זלמן רייזן, און זיין שוועסטער שרה וואס איך האב זיי געקענט, נאר איין
בארימטן וויץ מוז איך איבערגעבן, ווייל ס׳איז געבוירן געווארן דא אין
לאנדאן. רייזן איז געווען אי לאנדאן, פארן ערשטן וועלט קריג, ווען ס׳זענען
ארומגעגאנגען אין וויטשעפל צענדליקע אספיראנטן צו ווערן יידישע פאעטן,
און מ׳האט צווישן זיך געשאפן גענוג געלט ארויסצוגעבן א קאלעגע זאמעל־
העפט. איך געדענק, איך בין אויך דעמאלט ווי א יינגל נאך, צוגעצויגן גע־
ווארן צו די זיצונגען. האט איינער א קאלעגע געמוסרט א צווייטן פאר רייזן.
איר ווייסט, פריינט רייזן, שאיאק דרוקט אייערע לידער, און שרייבט אונטער
זיין נאמען. ס׳וואלט געקענט ערגער זיין, האט רייזן געענטפערט, וואס וואלט
איך געקענט טאן ווען ער דרוקט זיינע לידער און שרייבט אונטער מיין נאמען?

צו רייזנס הונדערט יאר וועט זיך אפשר פאסן זיינע אייגענע ווערטער,
זיינס א ליד:

רייזן וואס איך האב געקליבן,
לידער וואס איך האב געשריבן,
פערזן וואס איך האב געזונגען,
טענער וואס איר האט געקלונגען —
זאגט מיר וואס וועט פון אייך זיין
ווען איך וועל אין גרוב אריין?

יוסף לעכטוויטץ

משה שולשטיין

## כ׳דערמאן זיך אלץ...

(פון זיין ניי בוך „מארגנשטערן אין מיין פענסטער”)

כ׳דערמאן זיך אלץ אין יענעם ענגן הייפל
וואס איז געווען מיט גרויע הענט פארשטעלט,
ווו כ׳האב געקייקלט מיט א דראט א רייפל
און כ׳האב געמיינט, כ׳פאר אויס דערמיט א וועלט.

פון פענצטער גייען קולות און געלעכטערס.
די קאץ יאגט נאך די מויז און איך די קאץ,
און מיך יאגט נאך דער אלטער בייזער וועכטער,
איך טרייב דאס רייפל גיך. איך סאפע, כ׳פלאץ.

דא האט מיך קיינער נישט געקענט דעריאגן,
דאס ענגע הייפל איז געווען מיין וועלט,
און ס׳רייפל מיינס — מיין טריומפאלער וואגן —
ווער ווייסט ווו ס׳האט זיך ערגעץ אפגעשטעלט?

ווו סוואלגערט זיך פארזשאווערט אונטער רעגנס,
פארשאטן דארט אויף יענער וויסטער ערד,
וואו אין א קאטערינקע איז געלעגן
מיין גורל אין א ראזלעכן קאנווערט.

כ׳האב איין מאל אים פון דארט ארויסגעצויגן,
קיין גליק איז נישט געווען אין אים פאר מיר.
די קאטערינקע שטומט, און ס׳רייפל ליגט צעבויגן,
נאר ס׳בענקט נאך אפשר צו מיין האנט־באריר.

כאטש כ׳האב געזען שוין וויפל שטעט און הייזער,
א וועלט שוין אויסגעפארן מיטן ראד,
ווי וואלט איך איין מאל נאך געמאכט א רייזע
מיט יענעם רייפל און מיט יענער דראט.





## משה שולשטיין — א יידישער דיכטער פון אונזער דור

**משה שולשטיין** אליין איז ווערט א רעדע פון צייט צו צייט. און איך בין איבערצייגט אלע יארן, אז שרייבן וועגן דיכטער און שרייבער דארף מען כל זמן זיי זיינען נאך מיט אונז, און ניט ווען זיי זיינען שוין אויפן עולם האמת. מאנכע פון זיי פארזאגן טאקע מען זאל זיי ניט מספיד זיין. פרץ האט אזוי געטאן. שלום־עליכם אויך. עס הייסט: „טוט מיר ניט קיין טובות ווען איך דארף זיי שוין ניט האבן.” זלמן שניאור, אויף זיין אייגענעם אופן, האט אמאל געזאגט: „ווען איך בין שוין אין דער ערד קענט איר גיין אין דער ערד מיט אייערע הספדים”...

הכלל, איידער כ׳שרייב עפעס וועגן משה שולשטיין — זאל ער מאריך ימים ושנים זיין ביז הונדערט און צוואנציק, וויל איך נאטירן זיינס א קורץ ליד, בכדי איר זאלט וויסן וועגן וואס און וועגן וועמען עס רעדט זיך דא.

אך, ווי ווינציק צייט ס׳איז שוין פארבליבן.
מען וועט שוין נישט באווייזן אלע ליבעס אויסצוליבן,
מען וועט שוין נישט באווייזן אלע טרערן אויסצווויינען
און נישט באווייזן אלע ביכער־שאפעס אויסצולייענען;
נישט באווייזן אלע האכטעניש אויסצודאכטן
און אלע זעאונגען דערזען און אלע טראכטעניש צו דערטראכטן,
און נישט באווייזן אלע זיסע עולן צו דערשלעפן
און נישט באווייזן אלע טיפע חכמות אויסצושעפן.

כ׳דארף דא גארנישט צוגעבן. כל המוסיף הריהו כאילו גורע. כ׳וויל נאר זאגן אויף די שוליים, אז מיר פראזע־שרייבער און פאליטישע קאמענטאטארן וואלטן געדארפט אנשרייבן אן עסיי פון א פאר טויזנט ווערטער צו זאגן וואס משה שולשטיין האט דא געזאגט אין אכט שורות — און דאס איז אלץ וואס מען דארף זאגן אויף דער דאזיקער טעמע.

משה שולשטיין איז ביי אונז א געפונענער, איינער פון די זייער ווייניקע, וועלכע זיינען ניצול געווארן און האבן דערלעבט די גאולה. ער האט דורכגעמאכט דעם גאנצן גיהנום פון דער נאציישער תקופה, כאטש ער איז אוועק פון פוילן פאר דער מלחמה. די נאציס זיינען געקומען קיין פראנקרייך אויך. אבער עס איז געווען ניט נאר פאסיווער ליידן. ער האט געקעמפט אין דער פראנצויזישער ארמיי, און אין אונטערגרונט אויך.

שולשטייק לעבט אין קעניגרייך פון יידיש. די פון אונז, וועלכע לעבן אין דעם דאזיקן קעניגרייך פון יידיש, אדער אפילו באזוכן אים נאר פון צייט צו צייט, אזוי ווי אייער אונטערטעניקער קנעכט דא, האבן אסך צו פארדאנקען די געבליבענע יידישע דיכטער. מיר נעמען זיי מיט אויף יענער זייט, צו עס

איז העברייאיש אדער אן אנדער, ניט־יידישער, לשון, און מיר האבן גרויס נחת־רוח פון זיי בעת מיר באזוכן דעם קעניגרייך פון יידיש גופא.

ע ל ז א  ל א ס ק ע ר ־ ש י ל ע ר

## צ ו  מ י י ן  ק י נ ד

(פון דייטש : שמעון וווזעק)

ווידער און ווידער וועסטו מיר
שטארבן ביים אפשייד פון יאר, מיין קינד.

ווען די בלעטער זיך צעווייען
און ס'ווערן שמאל די צווייגן.

מיט רויטע רויזן
האסטו דעם טויט ביטער געטרונקען.

ניט איין איינציקער וועלקנדיקער הארצשלאג
האט דיך פארשווינט.

דערפאר וויין איך אזוי שטענדיק . . .
אין דער נאכט פון הארצן מיינעם.

עס זיפצן פון מיר נאך ארויס די דרימלענדיקע לידער,
וואס האבן דיך ארייננגעזיפצט אין טויטשלאף.

און מיינע אויגן באגעגנען זיך ניט מער
מיט דער וועלט.

דאס גרין פון די בלעטער טוט זיי וויי,
— אבער דער אייביקער וויינט אין מיר.

די ליבע צו דיר איז דאס פארעם־בילד,
וואס מען דארף זיך מאכן פון גאט.

כ'האב איך געזען די מלאכים וויינען
אין ווינט און אין שניי רעגן.

ויי האבן געשוועבט



אין א הימלישער לופט.

ווען די לבנה שטייט אין איר בלי
איז זי ענלעך צו דיין לעבן, מיין קינד.

און איך וויל ניט אהינקוקן
ווי דער ליכט־שענקענדיקער שמעטערלינג פלאטערט אן זארגן.

קיינמאל האב איך ניט געאנט
דער טויט וועט דיך דערשפירן, מיין קינד —

און איך ליב די ווענט פון צימער,
וואס כ'האב באמאלט מיט דיין ייִנגליש פנים.

און די שטערן הייגטיקן חודש
טוען מיט אזוי פיל פונקען אריינפאלן אין לעבן,
זיי טראפן שווער אראפ אויף מיין הארץ.

א פ ר י ם  ק י ש ו ן

## א ל ע  י י ד ן  ז ע נ ע ן  ב ר י ד ע ר

באטייליקטע : דער גנב
פשוטמאן
דאס ארט : פשוטמאנס דירה
די צייט : ביינאכט

פשוטמאן : — ליגט אין בעט און שלאפט —

גנב : —טאפט און קריכט אריין דורכן פנסטער ביים שיין פון דער לבנה. דאס פנים איז אים פארדעקט מיט א טיכל. אין דער האנט האלט ער אן עלעקטריש טאשן־לעמפל, וואס באלייכט א קרייז ארום אים, און אין דער אנדערער האנט — א גרויסן רעוואלווער —

פשוטמאן : — דרימלט ווייטער, שנארכט צוביסלעך —

גנב : — גענענט אויף די שפיץ־פינגער צו דער שאנק און הויבט אן עפעס זוכן אינעווייניק —

פשוטמאן : — כאפט זיך אויף, און גיט א צינד אן ליכט אין א בהלה — וואס איז ? וואס ווילט איר, מיין האר ? ווער זענט איר ? איך דערקען אייך נישט !

גנב : — שטעלט אן דעם רעוואלווער אויף פשוטמאנס קאפ — רירט אייך נישט, אויב דאס לעבן איז אייך ליב ! איין אומפארזיכטיק געשריי און . . .

— גיט א מאַך מיט דער האַנט וואָס זאָגט אַן זער פיל — עס איז נישט קיין געלעכטער, מיין פריינט! שווייגן!

פשוטמאַן: — אַנגעשראָקן, מיט א שטיל קול — ווער זענט איר, מיין האַר?

גנב: — גייט צו צו דער שאַנק — נו, ווער? — זוכט ווידער אין דער שאַנק — דער פינאַנץ־מיניסטער?

פשוטמאַן: — שלוכצט אין געוויין —

גנב: — ווענדט ווידער אַן דעם רעוואָלווער אויף אים — שווייגט, צו אַלדי רוחות! שווייגט אָדער ס׳קאָסט אייך דאָס לעבן, דאָ עט איר באַגראָבן ווערן.

פשוטמאַן: אוי, איין ייִד זאָל אַזעלכעס טון אַן אַנדערן ייִד!

גנב: וואָס איז? וואָס וויינט איר? וואָס איז געשען? מען גנבעט? נו, גנבעט מען!

פשוטמאַן: איך וויין נישט פאַר מיינעטוועגן, איך וויין אויס פאַרצווייפלונג פאַר דער צוקונפט פון לאַנד . . .

גנב: טאָ וויינט, אַז מען זאָל אייך נישט הערן.

פשוטמאַן: — שטילט זיך איין און וויינט, אַז מען הערט אים נישט —

גנב: לאָמיר זען, וואָס איז דאָ דאָ? — גישטערט אין דער שאַנק — וואָס איז דאָס? אייער ווייבס צירונג, וואָס?

פשוטמאַן: אוי! — וויל זיך רירן — ניין . . .

גנב: — דראָט מיטן רעוואָלווער — נישט רירן זיך! איר וועט קענען עקזיסטירן אַפילו אָן צירונג! — עפנט א שקאַטולקע און צעשפּרייט איר אינהאַלט אויפן טיש — שיין, זער שיין!

פשוטמאַן: — מיט שאַדן־פרייד — ס׳איז בלויז אימיטאַציע!

גנב: א רוח אין דיין טאַטן אַריין, אַלטער ליגנער, בעסער שווייג. — גראַבלט ווייטער אין דער שאַנק — וואו איז ס׳געלט, האַ? וועסט מיר צייזאָגן וואו דאָס געלט ליגט אָדער איך שחט דיך דאָ אויפן אָרט!

פשוטמאַן: געלט? ביי מיר?

גנב: וואָס, ווילסט דיך אַרויסדרייען, האַ? באַצאָלסט זיכער אויך דיינע שטייערן נישט ערלעך; אָבער ביי מיר, מיין פריינט, וועט דיר נישט אַפגיין גלאַטיק! וואו האָסטו די זאַקן דיינע? איצט האָב איך דיך געפּאַקט, וואָס? — פּלוצלינג גיט ער א צי אַרויס אַפּאָר זאַקן, וואָס זענען אויס עפּעס פּירעקיק — לאָמיר זען וואָס ליגט אין זיי. — ציט אַרויס א קעסטעלע און דערפון ווערטפּאַפּירן. מיט כעס וואַרפט ער א זאַק אויף פשוטמאַן — ליגנער, שקרן!

פשוטמאַן: ס׳איז באמת נישט שיין . . . כ׳האָב מיר אָפּגעשפּאָרט דאָס געלט, כדי צו קויפן א פּרידזשידעיר . . .

גנב: גוט. איך וועל דערמיט קויפן א פּרידזשידעיר. — נעמט אַרויס א קליין שאַכטעלע פון מעדיצינען, עפנט עס — וואָס איז דאָס?

פשוטמאַן: דאָס גייט דיך נישט אָן. ס׳איז מיין מעדיצין.



גנב: וואָס פאַר א מעדיצין?

פשוטמאַן: קעגן א געשוויר אין מאָגן.

גנב: — מיט שמחה — א געשוויר אין מאָגן?

פשוטמאַן: יאָ, א געשוויר אין מאָגן.

גנב: ווען האָסטו זי געקריגן?

פשוטמאַן: מיט פערצן יאָר צוריק.

גנב: — לאָזט אַפּ די שאַנק — ווי גרויס?

פשוטמאַן: — ווייזט — אַזוי גרויס, ווי אַן אַרבעס, מיט צוויי דריקפּונקטן. האָט איר אויך אַזעלכעס, מיין האַר?

גנב: פרעגנסט צי איך האָב אויך א מאָגן־געשוויר? כ׳האָב זי שוין 27 יאָר, מיין פריינט — גיך — מיט א פּרעפּאַראַציע!

פשוטמאַן: נו, קען איך מיר שוין פאַרשטעלן אַזעלכעס אין אייער פּאַך, מיין האַר, מיט אַזעלכע אויפרעגונגען . . .

גנב: וואָס פאַר א מעדיצין איז דאָס?

פשוטמאַן: „אַמידובענזולמולפּאַמיציבראַמאַבין“.

גנב: איך נעם „קאַרבאַלסטריכנאַביקאַרבאַנאַטמאַגנעזיא“.

פשוטמאַן: א, „קאַרבאַלסטריכנאַביקאַרבאַנאַטעמאַגנעזיא“. מעדיצין, זי איז נישט ווערט קיין פּרוטה. שטילט בלויז דעם ווייטאָק אויף אַפּאָר מינוט, דאָס איז אַלץ.

גנב: — קוקט אויף דער זייט פון שאַכטעלע — וואָס שטייט דאָ געשריבן?

פשוטמאַן: „אויב ס׳טוט וויי אין מאָגן פון א שווער עסן אָדער פון אויפרעגונג, זאָלט איר נעמען איין פּיל אָדער ווי דער דאָקטאָר האָט פאַרשריבן“.

גנב: נו, נעם זשע איצט צוויי פּילן לויט מיין פאַרשריפט. דו דאַרפסט זיי איצט — גיט אים —.

פשוטמאַן: דערצו דאַרף מען וואַסער.

גנב: טאָ ברענג זשע וואַסער! — דראָט אים מיטן רעוואָלווער — ריר דיך — פשוטמאַן גייט אַרויס, דער גנב שרייט אים נאָך — פאַר מיר אויך א האַלב גלאָז! כ׳וויל אויספּרובירן דיין מעדיצין.

פשוטמאַן: — קערט זי אום מיט צוויי גלעזער וואַסער — ביטע, איר ווייסט, כ׳האָב שוין געטראַכט, אַז אפשר וועט שוין זיין בעסער מיך צו לאָזן אַפּערירן . . .

גנב: ניין! בשום אופן נישט! צו וואָס זיך איילן? דערצו האָסטו תמיד צייט! ס׳קען זיין זער געפערלעך, מיין פריינט, לעבנס־געפערלעך! — נעמט זיך אַראָפּ דאָס טיכל פון פּנים — אַזאַ טוך איז זער וואַרעם. ביסט אויף א דיעטע?

פשוטמאַן: יאָ, אָבער עס העלפט נישט! — נעמט זיינע פּילן, צעהוסט זיך —

גנב: — קלאַפּט אים אויף דער פּלייצע — דאָס איז עס, ס׳העלפט נישט.

די זאך איז גארנישט לאניש. מיין פריינט: טיילמאל עס איך געפרעגלט און האב נישט קיין שום וויטאק און אן אנדערטמאל טרינק איך בלויז א גלאז מילך און הער בויך מיינער הויבט נישט אן וויסן וואו ער האלט אין דער וועלט . . .

פשוטמאן: געגוי אזוי איז עס! באלד ווערט אייך זויער און ביטער . . .

גנב: אין נאך ווי, מיין פריינט.

פשוטמאן: וואס שטייט איר? זעצט אייך.

גנב: א דאנק: — זעצט זיך — זאגט מיר: האט איר אפשר איבריק מאגן־זאפט?

פשוטמאן: צי איך האב איבריק מאגן־זאפט? — לאכט מיט שטאלץ—68!

גנב: — אויך ער מיט אומפארשטעלבארער גאווה — ביי מיר, פריינט, 71!

פשוטמאן: — מיט קנאה — 71? פאנטאסטיש. 71?!

גנב: 71!

פשוטמאן: צייגנישן האט איר?

גנב: פארשטייט זיך . . . — זוכט ביי זיך אין די טאשן — ס׳זעט אויס, אז כ׳האב נישט ביי מיר . . .

פשוטמאן: — שפאטיש — הא־הא־הא. ר׳האט נישט. ס׳איז לייכט צו רדן! צו יעדער צייט קען איך אייך אויפווייזן מיינע אונטערזוכונגען! — נעמט ארויס א נאטיץ־בלעטל פון אבייטעלע און ווייזט אים — איר קענט לייענען? „פרייע זויערקייט: 68!“

גנב: — קוקט זיך לאנג איין אין נאטיץ־בלעטל — ס׳איז בלויז 58, מיין פריינט! האסט געענדערט די ציפערן! ווייסט אליין, אז עס איז א פעלשונג! טאמער געפינט מען עס אויס, קענסטו קריגן צוויי יאר ווי גארנישט!

פשוטמאן: — טיף באליידיקט — איך האב געפעלשט? ס׳איז נישט 68? הערט, מיין האר, דא מוזט איר אייך אויפפירן ווי ס׳געהער צו זיין, אנישט, וועל איך אייך סילוקן איינס און צוויי: כ׳האב נישט קיין 68? אויב איר ווילט וויסן, האט מען שוין געמאסטן ביי מיר אפילו 73, נאר די דאקטוירים האבן די אונטערזוכונג נישט באשטעטיקט, ווייל זיי האבן זי געמאכט בשעת א כאמסין!

גנב: גוט־גוט, וואס איז? איבער דעם דארף מען זיך אויפרעגן?

פשוטמאן: נעמט זשע די פיל. צו וואסווארטן? כ׳בין נייגעריק צו וויסן ווי זי וועט ווירקן אויף אייך.

גנב: דאס איז לגמרי אן אינדיווידועלע זאך. — נעמט דאס גלאז און די פילן — כ׳וועל נעמען צוויי פילן, גוט?

פשוטמאן: יא, גוט.

גנב: האלט דעם רעוואלווער א רגע!

פשוטמאן: ביטע, — נעמט דעם רעוואלווער — און איצט נעמט א גרויסן שלוק.



גנב: — טרינקט — כ׳בין באמת נייגעריק. איצט.

פשוטמאן: א דאנק. — זעצט זיך —

גנב: — פריינטלעך — ווייסט, מיין פריינט, כ׳האב געמאכט א גרויסן פעלער, ווארום צוערשט ווען ס׳איז נאך געווען מעגלעך א דיעטע, האב איך איינגעצן פארנאכלעסיקט מיין מאגן־געשוויר. איצט איז שוין צושפעט. עס איך אלץ, איך רויכער . . .

פשוטמאן: איך אויך. וואס קען מען טון? איר טרינקט אויך?

גנב: אויב ס׳איז דא וואס.

פשוטמאן: ווארט אונטער. כ׳האב עפעס עקסטרא אין שטוב! — נעמט ארויס א פלאש פון שאנק — אנטשולדיקט! — אין דעם אויגנבליק לייגט ער צוריק אריין אין דער שאנק די צירונג־שקאטולקע און דאס געלט —

גנב: א,ע פראנצויזישער קאניאק!

פשוטמאן: עפעס נאר אויסגעצייכנטס, איר הערט. אמתער סם פאר אונז ביידע! — גיסט אן צוויי בעכערלעך, זיי שלאגן אן די בעכערלעך איינס אין אנדערן — לחיים!

גנב: לחיים! — טרינקען און באלעקן זיך — דאס איז אויסגעצייכנט, מיין פריינט. דערלויב מיר. — שטעלט זיך אויף און שטרעקט אויס די האנט— יצחק מאירהאף.

פשוטמאן: — דריקט אים די האנט — בצלאל פשוטמאן. זער אנגענעם.

גנב: — גיסט אן — שטיינער אין די נירן האסטו?

פשוטמאן: זאמד.

גנב: לחיים!

פשוטמאן: לחיים! — טרינקען —

גנב: איך האב אזא שטיין אין די נירן, זעסט? — ווייזט אים מיט די פינגער —

פשוטמאן: איר דערציילט מיר? טיילמאל האב איך אזעלכע קראמפן פון וויטאק . . . — שרייט פון זיינע ליידן —

גנב: דאס איז גארנישט. ווען איך האב אן אטאק אין די נירן, טאפ איך א וואנט אפילו אהער בין איך אזוי געקומען . . . האסט א דאקטאר?

פשוטמאן: איך באקום באהאנדלונג אין דער קראנקען־קאסע.

גנב: בצלאל, זיי נישט קיין נאר! דו צאלסט, צאלעסט פאר גארנישט: וועסט קיינמאל נישט פטור ווערן פון דיין מחלה! די גנבים זענען סתם גנבים! נאר הער דיך צו. כ׳וועל דיר געבן דעם אדרעס פון מיין פראפעסאר, א ספעציאליסט אפילו אויף מאגן־געשווירן. זאג אים, אז איך האב דיך געשיקט, וועט ער זיכער אייך געפינען עפעס ביי דיר אין הארץ.

פשוטמאן: — מיט שמחה — אפילו אין הארץ? איר זענט באמת א ליבלינג . . .

גנב: — שטעלט זיך אויף — נו, גוט. דאס אלץ איז זער שיין, אבער דערפון וועט נאך נישט זיין קיין פרנסה.

פשוטמאן: וואהין לויפט איר? ס׳ברענט? בלייבט נאך, יצחק, אפאר מינוט: לאמיר נאך שמועסן איבער אטאקעס ביינאכט, ווען ס׳הויבט אן ווי צ׳ טין אין דער ווייטאק שפרייט זיך אויס העכער און העכער . . .

גנב: גערן וואלט איך נאך געבליבן, אבער כ׳מוז נאך מאכן אן איינ־ברוך די נאכט אין דער סביבה. וואס איז, פילסט דיך נישט גוט?

פשוטמאן: ס׳ברענט מיר אביסל אין בויך. כ׳טאר נישט טרינקען קיין אלקאהאל . . אבער מיר האבן דאך כמעט גארנישט געטרונקען . . פאלט אנידער אויף דער פאדלאגע —

גנב: ווארט: — נעמט ארויס א ביטעלע — נעמט א ביסעלע סאדע־ביקארבאנאט. כ׳טראג עס תמיד מיט מיר ווען כ׳גיי ביינאכט צו דער ארבעט . . — גיט פשוטמאנען דאס גלאז —

פשוטמאן: — שלינגט אראפ — עס וועט דאך אייך אויספעלן היינט ביינאכט.

גנב: עס מאכט נישט אויס — נעמט דעם רעוואלווער — ביז לבינו וועל איך ארייגברעכן אין אן אפטייק. און איצט, בצלאל, לייג דיך שלאפן. דו דארפסט מנוחה . . . — צווינגט אים זיך צו לייגן אין בעט אריין און דעקט אים צו מיט א קאלדרע —

פשוטמאן: יצחק, פארגעסט נישט נאכאמאל מיר אפצושטאטן א וויזיט.

גנב: כ׳וועל גערן אננעמען די איינלאדונג.

פשוטמאן: נאר לאזט צועפאר וויסן, כדי מיר זאלן קענען עפעס אנגרייטן. מיין ווייב באקט וואונדערלעכע קיכלעך מיט מארגארינע . . .

גנב: דינסטאג וועט גוט זיין?

פשוטמאן: דינסטאג? גאנץ גוט. קומט אויף וויעטשערע.

גנב: גוט. כ׳וועל מיר בלויז פארנאטירן. — פארנאטירט זיך — „דינס־טאג אין אוונט . . צו מאכן א באזוך ביי בצלאל פשוטמאן . . דורך דער טיר . .״ גוט!

פשוטמאן: פארגעסט נישט דעם רעוואלווער!

גנב: א, יא, א דאנק! — נעמט דעם רעוואלווער פון אים, פארבינדט זיך דאס פנים מיטן מיכל — שלום, בצלאל. ס׳האט מיך באמת געפריידט צו באקענען מיט דיר.

פשוטמאן: שלום, יצחק, זיי מצליח . . .

גנב: — גייט ארויס דורכן פענסטער —

פשוטמאן: ווינקט צו אים פריינטלעך.

— פארהאנג —

פון עברית איבערזעצט.

**א. אלמוג**





## מיין ערשטע „קאפ-און-טי״ אין ווייטשעפל

### ג

אין דער לעצטער נאכט זיינען מיר געווען איינגעלאדן אין א רייך יידיש הויז צום נאכט־עסן, אפנים אז דער רייכער ייד האט געהאט גאראנטירט מיין וויזע קיין ענגלאנד. דער טיש האט געבלאנקט מיט זילבער און פארצעלאן און קריסטאל. פאר אונז איז געזעסן, יום־טובדיק אויסגעצירט, אן עלטערער הערר אין א פראק און א דאמע אין זיידנס. ביי די זייטן — א זון און א טאכטער, הינטער אונז איז געשטאנען די „באדינונג״. און ווען ס׳איז געווען „כי טוב״ ביים גלעזל וויין, האט דער בעל־הבית כסדר אויפגעהויבן זיין כוס און געזאגט „שכור״, מייגענדיק, מן־הסתם, „לחיים״ און וועלנדיק באווייזן זיין משפחהדיקייט מיט מיר — זיין יידישקייט.

מיט דעם זון פונם הויז, וואס איז אצינד דער אנפירער פון די רייכע „ביזנעס״ האט קריסטאבעל, מיט יארן צוריק, אויף איין אוניווערזיטעט שטו־דירט און ער האט עס געזיכערט מיין וויזע און, מסתם, אויך דעם חודש אינם האטעל.

אין דער פרי איז זי אהיימגעפארן קיין ליווערפול, ווייל ביינאכט האט זי שוין געמוזט געבן לעקציעס אין דער אוונט־שול אין דער דייטשער און איטאליענישער שפראך.

ווען כ׳האב זי געברענגט צום צוג, זיינען מיר פארבייגעגאנגען דאס „וואבורן־הויז״. האט זי מיר געזאגט, אז ווען כ׳וועל פון צוג צוריקגיין, זאל איך דא אין דעם הויז אריינגיין. דארט געפינט זיך דאס פארזארגונגס־ביורא פאר די דייטשע „פליכטלינגע״ און דארט וועט מען שוין, מסתם, אלץ ברענ־גען אין ארדנונג.

צוריק ארויסגעקומען פון דער סטאציע, בין איך געבליבן שטיין עפעס ווי א יתום, ווי אן אונטערגעווארפן קינד — דאס גערויש פון די צוגן אין די אויערן, דאס געאייל פון די מענטשן אויף דער ברייטער גאס — אדם אן ארויסגעווארפענער פונם גן־עדן: אן אנדערע גאס, אנדערע מענטשן — אן אנדערע וועלט . . . א פארענדערטע!

א סוף־נאוועמבער הימל אין לאנדאן; לא יום ולא לילה — א טאפנדיקע פאנג־חשכות, וואס קריכט אין די ביינער אריין.

וואו איז לינקס, וואו איז רעכטס? א צעמישעניש! עס יאגן די אויטאס ווי משוגע. איך האב מיך קוים אריבערגעכאפט איבער דער ברייטער גאס.

איך דערקען דאס הויז, וואו איך האב אריינצוגיין. דער טומל אויף די שטיגן, אינם ווארטע־זאאל איז נישט ווייניקער ווי אויפן וואקזאל — איך מעלד מיך ביים „אפיס״־פענסטערל.

עס דויערט נישט לאנג און כ׳הער׳ אויסרופן מיין נאמען. מ׳ווייזט מיר א טיר, וואו כ׳האב אריינצוגיין.

ביים אריינגיין וויל מיר פארלויפן א מענטש און שרייט אריין אין דער אפענער טיר, „הערר פראפעסאר, הערר פראפעסאר!"

ווייס איך שוין, אז דאס האלב־קיילכדיקע מענטשל אויף דער דריישטול איז א פראפעסאר און רעדט דייטש.

אריינקוקנדיק אין פאפירן, רעדט ער צו מיר: „א, הערר שטענצעל, מיר מאכן עס קורץ, ווער געבן איהנען פופציק פונט אונד איין באן־בילעט נאך פאריז".

איך קוק אים אן ווי פון הימל אראפגעפאלן: „איך פארשטיי נישט וואס איר מיינט".

„דאס וואס זי הערן?" איז דאס קול שוין א העכערס און צוויי איראנישע אויגן קוקן שארף אויף מיר.

זיין קורצן מאנאלאג, וואס האט אויך שוין אנטהאלטן אין זיך א לעקציע איבער פאעזיע, האט ער פון זיין דריי־שטול אויסגעלאזט מיט: „ווען עס אינען ניכט געפעלט, דאן קענען זי זיך אין דער טעמזע הינאיינשמייסן!"

„א דאנק פארן מיך דערמאנען!" שנעל מיך אויסגעדרייט, נאך שנעלער אראפ איבער די שטיגן, גיך געכאפט אן אויטא און געפארן צו דער טעמזע.

* * *

דערשרעקט איך נישט, חלילה, מיך אריינצוּוואַרפן!! נאר געכטן זעענדיק צום ערשטן מאל די טעמזע, אהינגעפירט פון קריסטאבעל מיר זי צו ווייזן, האב איך טאקע געהאט באשלאסן, אז מיין ערשטער גאנג היינט זאל טאקע זיין צו דער טעמזע: אזא טייך, אזא מאיעסטעטישקייט האבן מיינע אייגן נאך נישט געהאט געזעען — —

און טאקע אין יענעם „פאגע"־טאג, וואס האט זיך פאמעלעך אויסגעקלערט צו א שפילן פון שטראלן־סטרונעס אויף ברומענדיקע כוואליעס און געפייף באגלייט פון שיף־סירענעס, האב איך אנגעהויבן שרייבן מיינע לאנדאנער סאנעטן, וואס אייניקע וואכן שפעטער זיינען זיי דערשינען אין א בוך, מיט צייכנונגען פונם איצט־פארשטארבענעם, באקאנטן מאלער אלווא—

פיר וואכן נאך פריי, אן שום זארג, אן מורא — אן נאצים, אן עס־עס: א בעט צום שלאפן, א טיש צום שרייבן . . . וואס קאן מען נישט מאכן אין פיר וואכן, אויב מ׳קאן?!

זע, דאס שטייט פאר דיר אזא מין שטאט נישט משיג צו זיין: אויף א מיליאן רעדער דרייט זי זיך, אויף טויזנטער פליגל פליט זי — געטריבן פון אזא טעמזע־טייך פאר מיין מוח נישט משיג צו זיין —

„אין וואסער אריין צו ווארפן מיט געשליידער
אזא קאץ אין א זאק פארנייטן — —
און שטאט, אין נעפל דיק צעשפרייטן,
ווי זי צאפלט דאס און ווארפט זיך כסדר".



דאס איז די ערשטע סטראפע פון א סאנעט איבער דער טעמזע, פון די פופציק „לאנדאן סאנעטן".

* * *

און מיט די ערשטע צוויי סאנעטן אין טאש און מיט די פאר פארצייכענונגען איבער דער ענגלישער מאלעריי, זעענדיק א שעה שפעטער אריגינאל בילדער פון ענגלישע מאלער אין דער נאציאנאל־גאלעריע — איך מוז דאך דעם עסיי פארטיק מאכן, אויף דעם האב איך דאך באקומען מיין וויזע אויף א חודש קיין ענגלאנד —.

א גאנצן חודש! וואס קאן מען נישט מאכן אין א חודש — אויך דער גרעסערער עסיי איבער מאלעריי איז בקרוב דערשינען אין אן עקסטרא ביכל—.

א גאנצער חודש! און א יידישע צייטונג איז דא און אן ארבעטער־רינג איז דא. און זע די גע־זעלדיקע, די וואונדערלעכע גערטנער דא ארום — וויפל וואכן, חדשים אן א פאס, אן א שטוב, אן בעט, אן א טיש האב איך געלעבט אין די בערלינער גאסן און מיין בוזעם־טאש איז אלץ דיקער און פולער געווארן מיט לידער באלאדעס און פאעמעס . . .

* * *

איך זיץ אין א לייאנס־קאפע, ארום דער נאציאנאלער גאלעריע און לייען מיר די פארצייכענונגען — דער עסיי איז ממש פארטיק: „דער איראפע־רעאליזם" — ניין, עס איז מער — „די מיושבדיקייט פון זעען".

„קאנסטאבלס אנקומען אין דער ענגלישער מאלעריי — און נישט נאר אין דער ענגלישער דעמלט! — אן אימפרעסיאניסט אן קאמפראמיס, אן ווירטואזיטעט — מיט זיין קינסטלערישער אוממיטלבארקייט איז ער מנצח די נאטור".

יא, מארגן מאך איך פארטיק דעם עסיי, כ׳מיז מיך נאכאמאל אריינכאפן אין דער גאלעריע — און איך בין א פרייער מענטש! אריינלייגנדיק די פארצייכענונגען אין בוזעם־טאש, טאפ איך אן די צוויי טעמזע־סאנעטן — יא, זיי זיינען דא! און אהאפערדיקער לאז איך מיך צום ארבעטער־רינג.

ניין, איך וועל נישט פארן, איך וועל גיין — צו שפאצירן! עפעס א מין יום־טוב שפיר איך אין מיר — מיט יעדן שריט בין איך מיר קונה שביתה: כ׳בין ביי מיר אין דער היים . . .

* * *

ס׳איז היינט מאנטאג־אוונט, נישט פרייטאג־צו־נאכטס. די זעלבע צוויי טומלדיקע שטובן זיינען איצט כמעט ליידיק, אפגעארבעט, גייט מען אהיים. עס קומט גארנישט פאר אין „ארבעטער־רינג". דא און דארט זיצט אן איינזאמער מענטש ביי א „קאפ־אוו־טי" אדער צוויי קלאפן א דאמינא.

היינטן ביי הער וואנט דערקען איך יענעם, וואס איז געזעסן מיט מאריס מייערן ביים טיש — ער דערקענט מיך אויך.

„א, חבר שטענצל," שטעלט ער זיך אויף, „קומט אהער, זעצט אייך" און

צי דער פרוי, וואס שטייט ביי דער „קאנטין" שרייט ער צו: „גיט דאך אהער צוויי 'ראשן־טיס'."

א שאד, וואס ער האט זיך איפגעשטעלט! דאס לאכנדיקע, ברייטע פנים פאסט גארנישט צו די ברייטע פלייצעס איצט — אויפשטעלנדיק זיך, איז ער גארנישט העכער געווארן ווי זיצנדיק; וואו אלץ איז ביי אים געווען צו־געשניטן אזוי, אז זיינע צעקרימטע ביינער פון פארנט און פון הינטן זאלן זיך לגמרי נישט מערקן. ער האט געמערקט מיין בליק, און א לאכן ווי א מין כארכל איז אים ארויסגעקומען פון האלז.

מיר האבן געטרונקען נישט איין גלעזל טיי, נאר איינס נאכן אנדערן ווי געצאפט פון א סאמאוואר און אין אונזער שמועס, דערוויסנדיק זיך, אז איך בין א טשעלאדזשער, האט זיין קול זיך נאך ברייטער און העכער זיך צעקלונגען:

„טשעלאדזש, טשעלאדזש, דארט וואו די קאפאלניעס זיינען? איך האב דארט אויפן מארק פאר די קוילן־גרעבערס גערעדט —

א, איז דאס דעמלט אן ערשטער מאי געווען!! די אנרייטנדיקע קאזאקן האבן מיך אזוי צעהרגעט מיט זייערע נאגייקעס און צעטרעטן מיט די פערד־פאדקאוועס, אז זיי זיינען געווען זיכער, אז איך ליג שוין א צעהרגעטער. מ'האט מיך אריינגעשלעפט אין א שטיבל אריין, א חסידים־שטיבל. נאך האלבער נאכט האט מען מיך געברענגט אין א שפיטאל אריין אין א ווייטער שטאט. א טשעלאדזשער, קומט דאך אייך דעם אמתן שלום־עליכם —"

* * *

א גאנצע נאכט האב איך מיך ארומגעדרייט, געוויקלט מיך אין די ווייט־שעפלער געסלעך און ליקלעך — פון איין רעסטאראנדל ארויס אין אנדערן אריין. יעדעס פנים אזוי אייגן — מיינס. די ווענט באקלעפט מיט יידישע טעאטער־פלאקאטן, און דארטן א קרענצל יידן זיינען מחדש די לבנה.

ווען כ'בין גקעומען אין האטעל אריין איז שוין געווען ערב פארטאג.

כ'האב גענומען א שווארצע קאווע און נאך איינע: קודם פארטיק מאכן דעם עסיי; יעדן עול פון קאפ אראפ און זיין פריי — יא, בלויז די מיאוקע־דיקע קעץ אויף די וויטשעפלער דעכלעך, זיך יאגנדיק ארום די קוימענדלעך, ווען „כאפן" נאר מ'קען — א קאן דאס זיין א „קאצן־מוזיק" קאקאפאניע - - —

פארטיק געווארן מיטן עסיי און אראפגעקומען אין האטעל־רעסטאראן, האט מען שוין געהאלטן שטאט ביים אנבייסן — ביים מיטאג. זאגט מען מיר, אז פון דער צווייטער גאס דא, פון „וואבורן־הויז", איז דא געווען א מענטש מיט א „מעסעדזש", אז איך זאל אריבערקומען.

דער שליח איז געווען פונם „פראפעסאר". אריינקומענדיק, זיצט ער גראד ביי א „קאפ־אוו־טי". ער בעט מיך זיצן. ער דריקט אויף א קנעפל. די טיר עפנט זיך און ער הייסט אריינברענגען א „קאפ־אוו־טי".

„א, ביטע, איך בין פליישיק"...

ער בעט מיך פארגעסן דעם נעכטיקן „אינצידענט"—



„פארקערט, איך בין אייך גאר דאנקבאר. איר האט מיך דערמאנט אין גאר זייכטיקס — אין מיין ראנדעוו מיט דער טעמזע"...

ער וויל געבן א שמייכל, אבער די שארפקייט פון זיין בליק שטערט אים.

... יא, דער גאנג פון פאעזיע, ווער פארשטייט אים? נישט איך מיט מיין פארטאמטקייט און נישט ער מיט זיין ניכטערער חכמה — —

ביים געזעגענען איצט איז דאס קיילעכדיקע מענטשעלע אראפ פון זיין הויכער דריי־שטול און זיינע באגלייטנדיקע, שארפע אויגן זיינען געווען מיט א מילדער שיין איבערגעצויגן.

## ס׳גערטנדל — ווידמונג —

אלטע בתולות פירן זייערע הינט
אין גערטנדל דא משתיק צו זיין,
און אויף די בענק חברה „לחיים גארגל",
מיט פלאש בראנפן, לאזן זיך וואוילגיין.

פון איין האנט צו דער אנדערער זי גייט,
אז ס׳זאל ווער א זשלאק טון א שלינג מער — —
באמת, כ׳פיל מיך נישט ראוי דערצו
ווען פלאש קומט צו מיין באנק אהער.

אז מען זאל זען אויף א רפואה
אינם גערטנדל כאטש איין ייד —
ווילאנג ערשט מיט אונז ס׳איז פיל געווען,
שניידערס קומענדיק פון דער ארבעט מיד.

א בית־מדרש געווארן, א פאלוש,
א יארצייט דערמאנט עס האט זיך ווער;
אין פאליטיק מ׳שמועסט, א פריינט מען טרעפט,
א נצרך וואו גיין, אייב נישט אהער?

דאך א שטיקל זכיה ס׳האט ווער פון אונז,
ס׳גערטנדל אדער איך ס׳ליד, וואס שרייבט:
אזויפיל יידן זיך אויסגערוט דא,
א שטיקל דאנק כאטש איבעריק בלייבט.

## אהין דארט צו יענעם לעצטן בוים

די טויב, וואקלדיק אויפן אספאלט

מיט די פיס אירע צעשעדיקטע,
קיים זי גייט, זי שאקלט זיך און פאלט.

זי וויל טאנצן איר פארליבטן טאנץ,
זי קען נישט, די פיס זיינען איר קראנק,
פונם ווייטאק זי טרייסלט זיך גאנץ.

דער אספאלט אין דער זון — ווי ער גליט!
די זון א רויז צעגליט איבער קאפ,
אבער דאס הארץ, א הארץ ווי עס ציט:

אז צו וואס איצט, צו וואס נוצן זיי,
די פליגל, די צוויי פלאטער־פליגל,
ווען דאס הארץ פארגייט פון ליבע־ווי?

איר ווייטאק, איר ווארקענדיק געזאנג
בלייבט איר שטעקן טיף, טיף אין איר האלז,
און קוים קוים זי הערשלעפט נאך איר גאנג.

„און וואוהין, וואוהין?" פרעגסטו?
אהין דארט צו יענעם לעצטן בוים,
צו איר אייביקער און שטילער רו.

## נישט א טראט ווייטער

מיין יעטוועדן טראט איך צייל,
און דאס דער גאנצער סך־הכל:
ביז צום גערטנדל דערגיין!
קוים מיט צרות נאך — כ'דערוואקל.

ביז צו א באנק דערשלעפט זיך
איך זעץ מיך אויף איר אנידער;
דאס ווילדע גערויש אין קאפ,
די מידיקייט אין אלע גלידער —

מיט אלע מיינע לידער,
אז ווי ווייט בין איך דערגאנגען?
נישט פאראויס א טראט ווייטער,
א פארמאטערטער צריק שפאנען.



פלוצלינג הויך איבער מיין קאפ
א שוואלב טשוויטשערן גענומען,
און צו זיין זיס ניגונדל
ווערטער שטיל איך טו צו ברומען.

נייטיק זיי אויפצושרייבן?
די שוואלב קאן סאי־ווי נישט לייענען!
און אז זי וועט זיי פארשטיין?
זי וועט נישט טשוויטשערן — וויינען.

## שא, דאס פייגעלע איז מיד

דאס טיפע, דאס צארטע גרינס
צערטלט זיך טיף ביז אין מיין מוח
און ביזגל אין הארץ אריין —
ס'בלאט־געשארך פון בוים אין דער הויך.

א ליד פיקט זיך טיף אין מיר,
א פייגעלע איך געצווייג כ'הער?
ס'ציטערן מיינע פינגער:
צי וועט עס נאך לייענען ווער?

ס'בלעטל פאפיר אין מיין האנט
פאר שרעק א וועלק־בלעטל ווערט;
צו דער ערד עס פאלט אראפ,
און ווי כ'וואלט עס ריידן געהערט:

„פרעגט א זינג־פויגל קשיות?
פון טיפן הארץ ער טשוויטשעט, ער טרעלט,
פון שיינקייט ר'איז פול — — וואס אים
צי לייענט ווער? צי וועם עס געפעלט?

„אין הארצן טיף מען דערפילט —
עס ווערט די אייביקייט א ליד" — —
שא, דאס פייגעלע איז שטיל
אדער איך איינגעדזשימיעט מיד?

## דער „משוגענער" פון פארקל

אריין קומט ער דער מיושבדיקסטער,
פון אלע וואס ארום דא זיצן;
אונטער ארעם פלאטערט אים א צייטונג,
אונטער ליפן־פארביס ציין קריצן.

איז עס די משוגענע נייעסן,
איז עס א פערד זיינס האט פארלוירן?
אין זיינע אויגן, די צעמישטע,
א פרייד ווילד צעמישט מיט טרויערן.

פלוצלינג א ברויט פאר טויבן צעפיצלט —
די צייטונג אויף שטיקלעך ר׳נעמט רייסן!
און מען זעט ווי זיינע שארפע ציינער,
אין די ליפן בלוטיק זיך בייסן — — —

אויף דער באנק ווו ער בלייבט דערנאך זיצן,
עס זיצט זיך קיינער נישט אנידער —
ניין ר׳מוז גאר נישט זיין קיין משוגענער,
געהיים מסתם דיכטעט ער לידער.

## אליין אויף גארטן־באנק

ס׳ציטערט בלעטל אויף ביים
ווי ס׳ציטערט הארץ אין אים איצט —
ס׳טראכט גרייז אין צעניט־שעה,
אליין אויף גארטן־באנק זיצט:

פארביי צעבליטער מאי,
צעבלעטערטער יון שוין דא;
ארום פול איז און גרין,
מיין קאפ גאר פליכיק און גרא.

עס וועט נישט לאנג נעמען
און אויך איך זיין פול און גרין;
ניין, נישט איך — דאס בערגל,
וואו ברענגען מיך דארט אהין.



נישט די פולע לבנה
נאך האלבער נאכט וועט אויפגיין —
פון אונטערן בערגל
מיין צעגלאנצטע גלאצע זיין.

איז דען דא א לבנה?
ס׳זיינען דאך אונזערע קעפ!
פגימהדיק צעשטערנט,
וואנדלענדיק אויף וואלקן־טרעפ.

## א גרעזעלע גרין

א סך מאל בלייב איך זיצן אויף דער באנק,
און ווייס צומאל נישט אפילו ווו איך בין;
אין די מחשבות פארפלאנטערט אזוי,
צאפלדיקע פליג אין געוועב פון א שפין.

די געדאנקן ווי ווילד זיי רייסן זיך,
פארשלייפטע, פארקניפטע, אהער און אהין,
אז דער מוח צעפאלט זיך, ס׳הארץ צעריסן:
טאקע אין ציל? וכל עורב למינו*.

די קאמפלעצירטקייט פון א רויז, א טולפ — —
ערשט די טיפקייט, הויכקייט פון לעבן דער זין!
און איך ווער נידעריקער ווי דאס גראז:
קאן זיין פשוטער ווי א גרעזעלע גרין.

---

*— עס איז דען על פי דיקדוק? „למינה"?
— זעסט דאך סאוויעט־רוסלאנד און כינא.

## צו ווייטשעפלער יידן

ווייטשעפלער יידן זיינען נישטא מער,
מיט כשרן־פאדים זיך סיבות גענייט:
אדער גאר בייטלען פענעס צו זאמלען,
אפצופארן קיין ישראל געזונטערהייט?

גייט דאך נאך סטאמפארד היל אין א שבת
קיים א תחום — מ׳מעג! — עס איז גארנישט אזוי ווייט,

און ווען וועט איר דארט נישט נאר די ווייטשעפלער —
יידן פון יעדן שטעטל פון וווּ איר זייט ;

א שבתדיקן גארטן דארט ר׳וועט זען,
פאר אייערע אויגן א ליכטיקע פרייד :
פאר יידן אהיים דא און אין ישראל,
מיט זייער ארבעט זיי האבן צוגעגרייט.

כ׳זיץ דא א האלב טויטער שוין אויף דער באנק;
און פאר מיינע אויגן לעבעדיק שטייט,
ווי מיט חברים, דיסקוטירנדיק,
אויף סטעשקע דא הין און צוריק מיך געדרייט.

## די „קאפ אוו טי״ איצט

די גילהענע זון הער זייגער אויף מיין דופק,
צי ברויך זי דען צו האבן ערשט א ווייזער ?
איך הערקען די שעה, צומאל די רגע גענוי,
ליכט ווי זי רוקט זיך אויף ווייטשעפל־הייזער.

ווען זי שטייט א צעגליטע פינקטלעך אין צעניט,
כאפ איך מיך אריין אין קאפעע דאנעבן —
ביי „קאפס אוו טי״ נאך ס׳ביסל אלמנות, נעבעך,
פון די מאשינערס, וואס פלעגן דא לעבן.

וזין די יידיש ווערטער אין זייער ענגאליש
כ׳הערקען נאך פון וועלכן שטעטל זיי קומען !
אמאל טרעפט זיך א צוויי אלטע באקאנטע,
מיר טרינקען א טעפעלע טיי במזומן.

מען דערמאנט זיך ווייטשעפלס אלטע גוטע צייט,
„די צייט״, וואו די ברויעריי שטייט דארט איצטער — —
כ׳וואקל מיך — פארשכורט צוריק אין גערטנדל,
דעם „קאפ אוו טי״ א בלוטיק אויסגעשוויצטער.

## אויפן ראג

אויף מיליאנען רעדער דרייט זיך די שטאט
איינער דעם צווייטן איבערצויאגן;



וויפיל איבערגעפארענע טויטע,
בלייבן ליגן אויף צעקרומטע ראגן.

דער נאפט־געשטאנק פון צווישן די רעדער,
ביז צו די הימלען זיך צעטראגן,
און אויבן ערשטע ס׳ווילדע פליגל־געפאך,
איינס דאס אנדערע ס׳בלוט אויסצונאגן.

וואוהין לויפן זיי ווילדע אזוי,
נאך וואס און נאך ווען ס׳משוגע יאגן ?
שטעלט דאך אפ פון ערשטן ביזן לעצטן
קיינער קיין קלארע תשובה נישט זאגן.

און איך דערשלעפנדיק איצט לעצטן טריט,
מיין איך דען נישט : אפשר דאך אניאגן,
און מיט מיין לעצטן ווארט, דערשריבענעם,
וואס קיינער נאך נישט געזאגט, דאך זאגן —

## אינמיטן א זיסן דזשים

סאנעט

מיט פארבינדענע אויגן שטיין ביי א וואנט,
א פארמשפטער צו דערהערן דעם שאס — —
אזוי שטעלט זיך צונויף דאס ווארט — אות נאך אות !
א סגי־נהור דערטאפט זיך מיט א האנט — —

נישט מיט ציטערדיק הארץ, נישט מיט טרערן־גאס,
נישט מיט „טיפן״ געפיל, נישט מיט „גרויס״ פארשטאנד,
צומאל נישט אפילו מיט ביידע באנאנד — —
א טייל ס׳מיז זיין, א נקודה פון כאאס.

יעדע שורה נאך שורה א זיך גרייטן,
א בת־קול מען מוז הערן פון דער ווייטן,
צוגענאגלט ווערן מיט יעטוועדן ווארט —

„צוריק הערקראכן, דו זקן ורגיל !
דיין יעדעס אויג א פולער טרערן־לאגל״ — —
לאכט נישט א לאך־טויב אויף א צווייג אויבן דארט ?

## אין דער נאכמיטאג-שעה

אין נאכמיטאג מידער שעה ,ווי ווילדע,
לויפט דאס קליינוואַרג דעמלט פון דער שול אן,
און פון די פארביימער ווערט א דזשונגל —

ווי די הושטאוועקס פליען אין הימל!
די קאלירטע שפילן „פעני ב׳גריבל״!
מיין הארץ טאנצט — א מאלפע צווישן געצווייג.

די ווילדע קאץ ווי איך דא באהאלטן —
די לייבעכע איך דזשונגל! אין איר בליק
נישט אריינצוקוקן — פלאמענדיק טיף.

אפשר זי ניוכענדיק דאך דערגאנגען
מהלך קוויל־פארפלאנטערטן לאנגען,
עפל פון עץ־הדעת צו דערלאנגען.

## א האזארד וואס פארצערט

בלוי דאס אליין צו זען,
ווי מאמע פייגעלע,
ברענגט ווערעמל איר קינד,
און פאר צווייטס צו ברענגען,
פליט ווידער ווילד־געשווינד —

מען הייבט אן צו גלויבן,
אין איין גרויסער ליבשאפט!
צו גלויבן מען הייבט אן:
אן אייביקער אין־סוף,
דרייט וועלט זיך אזא קאן — —

געווינען, פארלירן?
א מין ווונדערלעך שפיל,
וואס קיינמאל נישט אויפהערט —
שלעגל איצט שפייז, האט עס
א מאמע נישט גענערט?

ס׳דרייט זיך די זון ביי טאג,



די לבנה ביי נאכט,
מיט די ברואים — די ערד!
א שפיל — לעבן אין טויט,
א האזארד וואס פארצערט.

## ״י מוראדיק ס׳הענגען די בלעטער ארום

אייפערזיכטיק צוויי שכורים צעממתין זיך,
שלעפט זיי אריבער זייער גרעל־געשמינקטע גויטע,
אין שפיטאל אקייגן — געהרגעטע צוויי טויטע.

רויט־געפאדערט פנים אין שפיגל — גליאיקע זון,
מיט איר צעגליטקייט אינגאנצן שוין צו פארבלענדן — —
מיט א בלאט מ׳קאן שאנד פארדעקן, בלויז נישט — דאס שענדן.

אז עפעס אויף דער אפענער ווייטשעפל געשעט,
לויפט פאליציי אדורך דא, אפשר וועם דערקענען — —
גיי דערקען א פנים, וואס אויף דער זון ס׳טוט זיך ברענען.

ווי מוראדיק שטיל עס הענגען די בלעטער ארום,
פון עפעס א מין שרעק קיין ריר זיך נישט צו געבן;
כאטש מיט זיי אלע צו פארדעקן די שאנד — לעבן.

## קיין שטאך פון א בין

קיין שטאך פון א בין קריגט מען דא נישט,
ווייל קיין רויזן־שטאק, קיין טולפן־בייט;
בלויז ס׳ביסל גאז־געשטאנק פון די קארס,
פון דער אפענער גאס ביי דער זייט.

א קינד געטראגן ביי פולער ברוסט,
זי קומט צו גיין מיט פולער פלאש י״ש,
און פון ארעם צו ארעם זי גייט,
ווי פון האנט צו האנט געגארט פלאש.

ממש ביי זיידן אין וויינגארטן,
כאפט חברה א זשים נאך אזא זיפ,
און זי לאזט זיך, א באשנאשקעטע,
צוריק ארויס אין גאס אויף איר „טריפ״.

אַז ס׳איז פאַראַנען אַ גן־עדן,
דאָס גערטנדל דער בעסטער באַווייז;
מ׳מוז נאָר גוט אַכטונג געבן, פון באַנק,
נישט מיטאַהיימברענגען אַ פּאָר לייז.

## ווען ס׳בליט דער יאַסמין

אַ מין שיין מעשהלע דערמאַנט: אַ פּאָעט,
ס׳וויב זיינס אים געפונען מיט אַ בעטלער אין בעט
אין שיער געקימען, חלילה, צו אַ גט.

וויאַזוי געבליבן ס׳איז בלויז ביים געשריי?
„מיין ליבע, וואָס מ׳קאָן זיך שוין אַננעמען ביי זיי,
העכסטנס אַפּאָר לייז, אַ טוץ פליענדיקע פליי.

„געזאָלט לאָזן אַן אַלטן פאַרשמאַכטן אין גאַס?
איז עטישער דת און עסטעטישער פּאַרנאַס,
אַ שפּיל מיט ווערטער רק, אַ קונציק־קלוגער שפּאַס?"

דאַ, אינם גערטנדל עס בליט נישט קיין יאַסמין,
אָבער ווי גוט פאַר די אויגן ס׳גרעזעלע גרין!
צומאָל די שלח־מנות פלאַש פון „שיינעם מין" —

## שוואַנען־געזאַנג

די פליגל טראָגן נישט מער,
קוים אויף פיס נאָך ער שטייט —
די לעצטע מינוטן שוין!
טאַקע אַ פויגל אַ נאַר,
אָבער דאָס־אַ ער פאַרשטייט.

זע, נאָר אַזאַ שיינע וועלט
אין פאַרלאָזן זי — ער גייט — —
טענער רייסן זיך פון אים,
אין זיין לעבן די שענסטע —
נאָך הילף אַזוי אַ שוואַן שרייט!

הערנדיק אַזאַ געזאַנג,
ממש פון הימל עס גייט,
פול באַוואונדערונג מען ווערט — —
אַז עס איז נאָך הילף אַ רוף,
קיינער קיינער עס פאַרשטייט.



## אין וועלכן זכות

אין וועלכן זכות ער רק זוכה איז
אויסצוזינגען זיין שוואַנען־ליד?
ס׳גאַנצע לעבן אַ פּיפּס ר׳זאָל געבן —
צומאָל ווען ד׳שוואַנדלעך אויסגעבריט —

נישט אין זיין לייד און נישט אין זיין פרייד,
שטאָלץ ער גייט זיך זיין שטאָלצן גאַנג,
דערפאַר זוכה אין לעצטער רגע
צו זינגען זיין שוואַנען־געזאַנג.

נאָך עפּעס: זיין גאַנץ לעבן אויף טייך
און נעצט זיינע פליגל נישט איין,
— ווי פּוצט זיך אַ קאַץ מיט איר שפּייעכטס . . . —
דער אַן פלעקל ווייס און ריין.

## בין השמשותדיק

עס פליט אַן עראָפּלאַן אַדורך,
אַן איינ־איינציקע רגע קוים,
און ווידער איז טיפער הימל,
קלאָר און לויטער און בלויער רוים.

פון ערגעץ הערט זיך אַן אויטאָ,
און צוריק איז חלום און שטיל —
אַ שווייגן פון צווייג צו צווייגל,
איבערגעריסן פון אַ טריל.

עפּעס חלומט זיך אַ שוועלבל,
און עס רעדט צו זיך אינם שלאָף,
און מיין האַרץ ווי וואַך איז עס איצט,
צושרייבן לסוף כאָטש נאָך אַ סטראָף.

איין קאַצנשפּרינג, איין שמונה־עשרה־
דריי, פון בלאָף ביזגעלע צום אין־סוף!
און וואָס קאָן מען אַלץ אַנטינטלען,
מיט די אותיות פון אלף ביזגעלע תו.

## אַז קיין אַזשיערע נישטאָ

אַז קיין אַזשיערע דאָ נישטאָ,
וואו לבנה מאַכן איר טואַלעט

אײדער זי וועט טועֶן טון גײן צו בעט?

און די זון ביים אויפשטיין אירן,
וויאַזוי זיך ווייזן פאַר איר פּאַצעט
אַן זיך אַ פּוץ טון, דאָ און דאָרט אַ גלעט?

אַז דאָ וואַשט מען זיך צומאָל נישט!
איין בליק בלויז און שוין מען איז טעט־אַ־טעט —
בעסטער פּלאַץ פאַר אָפּגעחומלטן פּאַעט.

בלויז אַז קיין אַזשיערע נישטאָ,
וויאַזוי זינגען זיין שוואַנען־קופּלעט?
אין טרערן ר׳טובלט זיך פאַר יעדן חטא.

## דער שוואַרצער מיט דער פלייט — באַלאַדע —

אין דער פאַרנאַכט־שעה ס׳גערטנדל
פון די טרינקער אויסגעלעערט;
פון דער אַרבעט קומענדיקע,
בענק מיט שוואַרצע באַזעצט ווערט.

מיד פון אַ גאַנצן טאָג בײגלען,
אַ־יך ער קומט אָן מיט זיין פלייט;
ס׳געפייף אויף זי הערט עס איצט
העט דאָרט ווי מהלך זיין ווייט.

אויף שיפסקאַרט נאָר אַנאַרבעטן,
און דעמלט קומט זי אַהער;
אַרום אים שטייען די לאַנדסלייט,
יעדעס אויג פינקלט אַ טרער.

כ׳הער מיך צו צו דעם פלייטן־ליד,
אויך מיין געמיט איצט מיט זיי;
כ׳זע דאָס מיידל ערגעץ־וואו ווייט,
ווי איר האַרץ מיינס טוט מיר וויי.

אין זייער היים — זיי אַרום אים,
זי גאָר מיט אים אַצינד דאָ — —
ווי וואונדערלעך ס׳קאָן דאָס זיין די
בין־השמשות שטילער שעה.



## טויט-שטיל דער אַרום און אַרום

די גרינקייט פון שטיקעלע ערד,
פון פיצעלע הימל דאָס בלוי,
וויאַזוי עס דערכאַפּן מיט
מיינע אויגן אַלט שוין אַזוי?

אַרום און אַרום דער גערויש,
פון איבער צען מיליאָן אַ שטאָט,
אין די לויטערע שטילקייט דאָ,
ביז צום כסא־כבוד פון גאָט.

עפּעס איז דאָך דאָך פאַראַנען,
אַז אַזוי־אַ רועָן מען קאָן,
אינמיטן אַ צעטומלטער
שטאָט פון איבער צען מיליאָן.

## אין שקיעה-שעה

שקיעה־שעה, ס׳שאָקלען זיך די ביימער,
אַ ווינטל גייט צווישן די צווייגן;
אַ תפילה בלחש זיי שעפּטשען — —
אין מיר אַזאַ פחדימדיק שווייגן:

דער אייביקער חוזר חלילה,
נישט אויפהערן ס׳וויל ס׳גלגול־קרייזן;
וואָס טראַגנדיקער טאָג אויפטון, וואָס
הײנטיקער נישט געטון באַווייזן?

אויסגעליידיקט ווערט דאָס גערטנדל,
שטערן צווישן די צווייגן בלישטשען —
אין נעסטל דאָס קראַנקע פייגעלע
שטילינק קיים מען הערט עס נאָך פּישטשען.

## תפילהדיק

אין דעם געוואַלטיקן, וואַכעדיקן טומל,
אַ מנין ביימער, גרין כזיתל ערד,
און דער כאַאָס אין דיר און אים אַרום,
מנוחהדיק שלווהדיק אויף איינמאָל ווערט.

דאס פיצעלע הימל צווישן די ביימער ——
באגרעמט בליי־אייג קוקן אויף דיר נישט־אויפהערט!
אין די איינגאנצן א שטילע תפילה ביסט,
וואס ווערט רחמימדיק אין פול גנאד אויסגעהערט.

נו וואס איז דען יונג, אלט לעבן — צומאל טויט!
וואסער אונטערשיד ווי איינעם ס'איז באשערט — —
דער גאנצער טומלדיקער אין־סוף הערט אויף:
די מיין ביימער, גרין א כותל ערד ——

• • •

סמיטנע א גן־עדן אן א חוה,
און אן א שלאנג ווילאנג־ווייליק באנג — —
טא שנייד מיר דאך ארויס דאס הארץ א גאט,
מאך דערפון א פרוי מיט א הארץ פון א שלאנג.

פון אלע פרייען וואס איך דערמאן מיך,
וואס ערגער איינע אלץ שענער מיין געזאנג ——
די גוטע ווי האבן זיי געליטן!
צומאל אין מיין ודוי איצט ס'טוט מיר נישט באנג.

א, שנייד דאך ארויס מיר מיין הארץ א, גאט ——
און מאך מיר פון א הארץ א פרוי ווי א שלאנג:
וואסער ווערט ס'גאנצע לעבן אויף דער ערד,
אקייגן איין רגע ליבשאפט און געזאנג.

## און צום סוף — די קליינע באלאדע נאך ——

און ווען די ווילדע, שווארצע קאץ אינם גערטנדל
אין פינסטערן לאך פון בוים באהאלטן איז געזעסן,
דריי שווארצע ווילדע קעצלעך אין ווייען געוואוינען,
פאר געוואלטיקער פרייד אלע דריי אויפגעפרעסן.

איז זי פון גרויסע שמערצן משוגע געווארן
און פון א בייזן דבוק געווארן באזעסן,
איין אייפן שפיץ פון העכסטן בוים זיך אויפגעהאנגען,
רעגנט עס מיט „קעץ און מיט הינט" גאנצע מעת־לעתן.

ווייז איך שוין אזוי אין מיין טריבער שטוב גאנצע טעג,
פון דער וועלט און פון מענטשן אינגאנצן פארגעסן,
יעדער רעגן־טראפ אויף מיינע פארטרערטע שויבן ——
א קאץ פון הונגער אירע קינדער אויפגעגעסן.



# נאך האלבער נאכט

1

בריוו דורך טיר־שפאלט ווער דורכגעשטופט,
איך האב מורא אים אויפצוהייבן;
אין הארץ רירט זיך שטילינק א ווארט,
א שרעק אין מיר עס אויפצושרייבן.

מיין בליק פארחלומט פארמאכן,
איך בעט דזשימיענדיק זיצן בלייבן?
א בייזער, פינסטערער קאשמאר
נאך שרעקלעכער וועט זיך אנהייבן.

2

זע, דער הימל צעטריפט אזוי שווארץ,
ס'וועט באלד פון אים שוין גארנישט ווערן;
דער ארום מרה־שחורהדיק שטום,
א פיפס אז ס'זאל זיך לאזן הערן.

ווער קוקט אריין דורכן פענסטער?
די שויבן וואשן זיך פון טרערן;
טויט־שטיל דער ארום און ארום,
ס'געוויין פון דער וועלט צו דערהערן.

# באגינען

ווען די הינט אויף הייף אונטן
לויפן זיך צונויף פארטאג,
וויפל פרייד איז דא אין זיי,
צומאל זייער ביל־געקלאג.

ערשט אין זייער געטוליע,
זייער טאנצנדיק געשפרינג!
ווען מיט בייזן געביל שוין
פול ס'איז דער הייף מיט געזאנג.

אין זייער אויגן־געבליץ,
פון דער לבנה די שייך — —
גאנצע נאכט געהערט וואיען,
זייער פארליבשאפט געווין.

צווישן אייער חברותא
נעמט דאך מיך אריין!
איך בין דאך איינער פון אייך — —
ווי שווער גלגול־מענטש צו זיין.

אייזיק גאלדבערג

## יעקב שמואל טויבש, ז״ל

דורך א צייטונגס־ידיעה האט מען זיך דערוואוסט, אז דער דיכטער, יעקב שמואל טויבש איז פלוצלינג געשטארבן אין מינכן, דייטשלאנד, וואו־אהין ער איז געפארן אין די אינטערעסן פון ארויסצוגעבן זיינס א בוך — אויף דייטש — וועגן היינריך היינע.

ערשט נישט לאנג צוריק, סוף־יאר תשל״ד, איז אין פרץ־פאריין דער־שינען זיין בוך, „סאנעטן פון א מאמין“, וואס האט ארויסגערופן גרויס אינ־טערעס ביי די יידישע קריטיקער.

ער איז געווען א תושב פון לאס־אנדזשעלעס. מען האט אים צוריק־געברענגט און קובר געווען דא, וואו עס איז געווארן זיין היים. ער האט איבערגעלאזט א פרוי, א זון א פראפעסאר, א שנור און דריי אייניקלעך.

גראד בין איך געווען אביסל באפריינדעט מיט שמואל טויבעשן נאך פון דער צייט, ווען עס איז געווען אין לאנדאן א פולסירנדיק יידיש קולטור־לעבן. ער איז אפטמאל געקומען צו די „ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס“ אנגעפירט פונם דיכטער א. נ. שטענצל, וואו ער האט זיך אויך מיטבאטייליקט. דאמאלס איז געקומען א גרויסער עולם און פארשידענע שרייבער, קולטור־טוער. אויך אדורכפארנדיק לאנדאן, האבן זיי אויסגענוצט די „פרייע פלאטפארם“ פון די שבת־נאכמיטאגס צו געבן רעפעראטן אא״וו.

יעקב שמואל טויבש, דאמאלט א לאנדאנער, האט ארויסגעגעבן, אין 1944, א בוך עסייען, „דער חיוב פון אבלות“, און אין 1948 עסייען, „אויף יידישע יסודות“. אחוץ דעם האט ער אויך ארויסגעגעבן, אין 1946, א בוך, „געזא־מלטע לידער“. איך האב אפטמאל פארגעלייענט פון זיינע פאעמען. ער האט מיר אסך מאל געוויזן זיינע פאעמען אידער זיי זענען געווארן אפגעדרוקט. און ווען דאס בוך איז דערשינען, האט ער מיר געשריבן אין א בריוו און געבעטן איך זאל מיך ארויסזאגן מיט א מיינונג וועגן דעם בוך. גראד האט זיך געמאכט, אז ער האט פארלאזט לאנדאן, און איך האב עס נישט געטון. יעצט פיל איך מיך עפעס ווי שולדיק א חוב. דערפאר דערלויב איך מיר עפעס צו שרייבן וועגן אים.

יעקב שמואל טויבש ווערט באצייכנט אלס א רעליגיעזער דיכטער. דאך איז ער געווען אונטער דער השפעה פון די מאדערנע יידישער קלאסיקער, מענדעלע, פרץ, שלום־עליכם, פרוג און אנדערע. אליין האט ער זיך אוועק־



געשטעלט אין א באזונדערער ליניע צווישן רעליגיעזע און מאדערניסטישע שרייבער.

באזונדערס אין זיין בוך, „אויף יידישע יסודות“, מיט זיין ארייַנפיר אויך אין די עסייען, קאן מען געפינען זיינע ראנגלענישן צווישן רעליגיע און וועלטלעכקייט. דארט איז פארהאנען א גרויסער סכום וועגן רעליגיע, מאראל, הומאניטעט, פילאסאפיעס מיט די מאטעריאליסטישע און רעאליס־טישע טעאריעס ווי פון שפינאזע, קארל מארקס, פראפעסאר איינשטיין, פרויד און אנדערע. אזוי ראנגלט ער זיך מיט דער רעליגיעזער שיטה פון ששת ימי בראשית ביז צו דער מאדערנער אסטראנאמישער וויסנשאפט און ביא־לאגישע באגרינדונגען, פון מיליאנען יארן ביז צו דער אטאמישער עפאכע. ער פרובירט צו באווייזן, אז אלץ באזירט זיך אויף גלויבן. דאס הייסט, אז דער אטעאיסט איז בכלל אויך א גלויביקער; מיט דעם חילוק וואס ער גלויבט אנדערש ווי דער רעליגיעזער . . .

געניי אזוי ווייזט ער אן איז די מאראל פון ביידערליי אנשויאונגען זער ענלעך. למשל, אין די אלטע צייטן האבן די מענטשן געברענגט קרבנות צו גאט אויף א רעליגיעזן אופן, און היינט ברענגען די קולטור־פעלקער נאך מער קרבנות פאר די אידעאלן פון דעם פראגרעסיוון גלויבן אין הומאניזם דורך רעוואלוציעס, מלחמות, ראסן און נאציאנען־האס און אזוי ווייטער. ער וויל אזוי ארום באווייזן, אז עס דארף קומען א מין סאלידאריטעט צווישן די עקסטרעם־רעכטע ביז די עקסטרעם־לינקע דורך א מין נייעם גלויבן. נאר דורך אזא אופן קאן — מיינט ער — קומען א שלום צווישן די פעלקער און דער מענטשהייט, בכלל!. . .

אויף וויפל מיין מיינונג באציט זיך וועגן זיינע אויספירונגען, איז עס א מין ראנגלעניש מיט זיך אליין; אזא מין פלפול אן א פאזיטיוון יסוד. אן ענלעכקייט קאן מען באלד געפינען ביי פרצס „דער משוגענער בטלן“ — ווי אפטמאל ווייסט ער אליין נישט ווער ער איז . . .

דאך זענען זיינע אויספירונגען זער אינטערעסאנט, ווייל מען קומט אין קאנטאקט מיט גרויסע וועלט־פראבלעמען, וועלכע ציען זיך פון קדמונים, זייט דער אור־מענטשלעכער קולטור, און פון דער היסטארישער צייט ביז די לעצטע עפאכעס, וואו מ׳האט נאך אלץ נישט באוויזן צו קומען צו א ריכטיקער ליי־זונג פאר דעם „קיום־מענטש“. . .

אין זיין בוך, „געזאמלטע לידער“, געפינט מען די זעלביקע ראנגלענישן און אין זיינע פאעמען, וועלכע זענען געטיילט אין דריי טיילן — לירישע בילדער, סאטירישע פערזן און גלויביקע סאנעטן.

אלס ארייַנפיר צו זיינע פאעמען, אויף זייט 14, אט אפאר צייל פון דעם געדיכט, „צום לעבן“:

לאנג, צולאנג האב איך געטראגן
טיף אין הארץ די טונקעלע נאכט,
און — דעם פינסטער צו פאריאגן —

האב איך מיך ארומגעשלאגן
נישט אין איין מעחשבה־שלאכט.

אין דעם טייל, „לירישע בילדער“, זענען זיינע נאטור־פאעמען געשריבן אויף א מאדערניסטישן אופן. עס גענוגט בלויז אנצואווייזן אויף אפאר צײלן פונם געדיכט, „זון־אויפגאנג“ — זייט 24 —:

פארכטיקע הימלען דערוועקן
זיך לאנגזאם, די נאכט ווערט פארשוואונדן,
בלוט־גאלדענע כמארעס באפלעקן
זיך רויט, ווי פון בלוטיקע וואונדן . . .

אין זיינע נאטור־פאעמען פילט ער זיך פריי. ער לעבט, אטעמט און איז באגייסטערט פונם גאנצן אוניווערז. אנדערש ווידער זענען די „גלויביקע סאנעטן“. דארט פילט ער זיך אזוי באהאפטן מיט דער יצירה, אז ער זעט אין אלעם, פון גוטס ביז שלעכטס, אלץ א גערעכטע שטראף פון גאט. ער פילט עפעס אזא נאענטקייט ווי ער וואלט זיך אויסשמועסן מיט גאט, וועלכער הערט אים אלעם אויס.

אז מיר קומען צו די שירים, „סאטירישע פערזן“, באווייזט זיך דער דיכטער אין א גאר אנדערן פארנעם. דא איז ער א רעאליסט. ער פליט נישט אין די עולמות העליונים, נאר ער שטייט פעסט אויף די פיס און זענען עטליכע צײלן פון דעם טייל, פון א גרויסער פאעמע זיינער, „וואס דער יידישער לעזער זאגט:

אט גיי איך דא ניט לאנג אויף דער ווייטשעפעלער רויד
פארטראכט, מיט א שריט א מידן,
באגעגן איך דארט א באקאנטן פון מיר,
א זייער בכבודן יידן.

וואס זאל איך אייך ברייען? ס׳איז גראד דער פארשוין,
דער סתם־ייד, דער פראסטער, און „איזמען“,
דער בעסערער יידישער לעזער פון היינט,
וואס זיין דעה אויסהערן מוז מען . . .

אז מ׳נעמט די אלע דריי ליניעס פון זיין שרייבן און דיכטן, האט מען פאר זיך, אייגנטלעך, נישט קיין רעליגיעזן דיכטער. איך בין נישט אויסן דא צו געבן א ברייטע קריטיק, נאר מיין באשיידענע אויספירונג איז, אז מ׳קאן אים באצייכענען אלס א לאיאלן דיכטער. זיין אייגנארטיק שרייבן האט א זין און א גוטן אינהאלט און וועט אויך בלייבן א גוטער ביישטייער צו דער יידישער ליטעראטור.

עס איז אוועק אריבער 25 יאר זייט שמואל טויבש איז אוועק פון לאנדאן. דורך דער צייט, ווייזט אויס, איז ער געשטיגן צו א גרעסערער מדריגה מיט זיין שרייבן. ליידער איז דער מצב פון א יידישן שרייבער היינט אזוי, אז ער מוז זוכן אנישט־יידישן מארק פאר זיין שרייבן, ווייל עס זענען דא זער



ווייניק לייענער אין יידישן לשון.

דאס וויכטיקסטע אבער איז דאס, אז זיין נאמען דארף פאר לאנדאן דערמאנט ווערן, ווייל שוין אין דער פאעמע, „דער יידישער לעזער“, באווייזט ער, אז ער האט א צייט־לאנג געלעבט און געשאפן אין ענגלאנד און זיך געהאלטן פאר א לאנדאן־ווייטשעפלער שרייבער. געקומען אין קאנטאקט סאי מיט רעליגיעזע סאי מיט יידיש־ליטעראַרישע קרייזן און אויך מיט פארשידענע קולטור־טוער פון „פריינט פון יידיש־לשון“. בכלל, איז ער געווען א פאלקס־ייד מיט הארץ און נשמה . . .

כבוד זיין אנדענקען!

## „ווארשעווער געטא - אויפשטאנד“

די 32סטע געטא־פייערונג, וועלכע איז געווארן באצייכנט מיט די ווערטער „פויליש־יידישער געטא־אויפשטאנד“, צום אנדענק פון די אומגעקומענע זעקס מיליאן קרבנות דורך די נאציס, וואס איז פארגעקומען אין אפריל, 1975, אין לאנדאן, ארגאניזירט פון די „יידישע עקס־סערוויסמען“ און פרויען

מיט דער באטייליקונג פון „דהי באארד אוו דעפיוטיס“ און אויך די ציוניסטישע פעדעראציע, איז דאס מאל, אחוץ דעם טייל פונם כאר און דעם „קל מלא רחמים“ און קדיש פונם חזן העסס, אלעס, צום באדויערן, אדורכגעפירט געווארן, ווי געזאגט, „סטריקטלי“ אויף ענגליש . . .

עס איז קיין איינציקער טייל נישט געווען אין אריגינאל פון די טראגיש־אומגעקומענע קדושים, קאצענעלסאן, מרדכי געבירטיק און אנדערע, אויף יידיש־לשון; פון די, וועלכע האבן איבערגעלאזט אזא גרויסע חורבן־ליטעראטור אין יידיש. עס איז אפילו נישט דערמאנט געווארן פון די צוויי לידער „דאס שטעטעלע ברענט“ אדער „זאג נישט קיינמאל, אז דו גייסט דעם לעצטן וועג“, וועלכע זענען ווי הימנען פון דעם גרויסן יידישן חורבן. אויך איז גארנישט געווארן רעציטירט אויף יידיש לשון; אחוץ וואס די פילם־אקטריסע, מרס איוואן מיטשעל, האט גוט געלייענט אויף ענגליש. אבער דער יידישער ווארט איז נישט גאנץ געקומען צום אויסדרוק . . .

עס האט אויסגעזעען ווי דער פראגראם וואלט געווארן צוגעגרייט אזוי, אז דאס יידישע לשון ווערט באטראכט ווי פסול . . .

נישט קוקנדיק דערויף וואס פון די זעקס מיליאן קדושים אין איראפע, האט פוילן אליין געהאט כמעט דריי און א האלב מיליאן יידן, און כמעט אלע אנדערע צוזאמען האבן גערעדט, זיך אויסגעלעבט, געליטן יסורים רעים און אויסגעהויכט זייער לעצטן אטעם מיט יידיש־לשון . . . טראץ דעם האבן די ארגאניזירער נישט געפונען פאר וויכטיק אין דעם צוויי־שעהדיקן פראגראם אפצוגעבן כאטש א צוואנציק מינוט אויף יידיש.

נאך איז וויכטיק צו באמערקן, אז דער נאמען פונם קדוש, שמואל זיגל־

ביים, איז אין פראגראם און פון די רעדנער אויך דערמאנט געווארן אין ענגליש. גראד ער, ווי א פירער פונם „בונד" און א הונדערט פראצענטיקער יידישיסט, אז ווען ער וואלט געלעבט, וואלט ער זיכער שטארק פראטעסטירט אקייגן אזא טאקטיק!. . .

אויך איז וויכטיק צו באמערקן, אז א זער גרויסער טייל פון פארזאמלטע האבן פארשטאנען אין אויך דערוואַרט עפעס צו הערן אויף יידיש. דאס האט באוויזן ביים פארלאזן דעם מיטינג, האט א גרויסע צאל פון די באזוכער זיך געזעגנט וועגן דעם נייעם „סדר־הזכרון". . .

אינטערעסאנט איז נאך געווען ווי א ייד קומט צו און דערציילט, אז מיט א צוויי יאר צוריק איז ער געווען אין פוילן, באוויזנדיק מיט פאטאָ־גראפיעס פון זיך ביי די דענקמעלער פון די קדושים. און ווען ער האט אויך באזוכט ווארשע און אנדערע שטעט, אריינקומענדיק אין רעסטאראנען, האט ער געפונען באצייכנט די שפייז־קארטן מיט „זשידאווסקע" געריכטן, פיש און אנדערע. פרעגנדיק א קעלנער, „יא, אלעס איז דא, און וואו זענען די יידן?", האט ער באקומען דעם ענטפער, אז יידן זענען דא מער נישטא . . .

אזוי האט דאס מאל די טרויער־געטא־פייערונג בילד אויסגעזעען, אלעס איז געווען, אבער נישט קיין יידיש ווארט . . . דאס האט אויסגעזעען ווי א ריכטיקע פארשעמונג פאר אונזערע קדושים וטהורים. ווען דאס זאל טרעפן אין א קליינער פראווינץ־שטאט, וואלט נאך געווען אן אויסרייד. אבער אין אזא וועלט־שטאט ווי לאנדאן, מיט אזא יידישן ישוב, כן ירבו, וואו דאס לעבעדיקע און אויך דאס געדרוקטע יידישע ווארט, מיט אינסטיטוציעס אין יידיש זענען פארהאנען, דארף אזעלכעס נישט געשען, ווייל עס זענען נאך דא געגנוג כוחות, וועלכע האבן געקאנט ביישטייערן מיט עטוואס אויף יידיש־לשון.

נחמן רובין

## „הבל הבלים"

איך געדענק נאך פון מיינע קינדער־יארן ווי מען האט געזונגען דאס ליד „הבל הבלים", און אט איז א סטראפע דערפון:

„הבל הבלים, דאס לעבן איז א חלום!
וואס האט דער מענטש גאר
אז ער לעבט אפ זיבעציק יאר?
צום סוף שטארבט ער א נאר, א נאר". . .

קומט מיר אט דאס ליד אויפן זכרון, דערמאן איך מיך אויך אין די צוויי לאנדאנער דיכטער — עליהם השלום! — משה עובד און שמואל וווהייט. אויף וועמען די ווערטער פונם אויבן ליד פאסן זיך גאר גוט . . .

ביידע זענען זיי דאך געווען מענטשן מיט פארשטאנד און געפיל. מינ־דעסטנס, אזא איינדרוק האבן זיי געמאכט, און נגידים זענען זיי אויך געווען, יעדער אויף זיין שטאנד.



גייסטיקע אינטערעסן האבן זיי געהאט בשותפות און געשטיצט יידישע קולטור־אונטערנעמונגען, ווי יידיש־טעאטער, יידישע שרייבער ביים ארויס־געבן ביכער און ענלעכעס.

דאך זענען זיי עפעס געשטארבן ווי יורדים!. . . אמת, יעדער פון אט דיביידע האט נאך זיך איבערגעלאזט א היפש פארמעגן, אבער די יורשים זייערע האבן עד־היום נישט געשטעלט זיי א מצבה לזכרון!

שמואל וווהייט האט מען געברענגט צו קבר־ישראל, משה עובדס קערפער האט מען געלאזט פארברענען אין א קרעמאטאריום . . .

קומט דער חודש אלול, און אויב מען האלט נאך פון דער טראדיציע פון גיין אויף קבר־אבות, גייט מען פארביי, ביי א געלעגנהייט, די מצבות פון שרייבער, דיכטער, זשורנאליסטן און שוישפילער. דא, למשל, ליגט סאפי אבערלענדער, יעקב אדלער׳ס ערשט פרוי; און דא ליגט מארדזשי שערמאן, יוסף שערמאנס צווייטע פרוי. אט דארט ליגט א. צ. ראמאנאווסקי, א שרייבער, אין וועמען עמיצער דערמאנט זיך נאך; און אזוי־א ביז שמואל וווהייט, דעם לעצטן . . .

אבער נישט משה עובד און נישט שמואל וווהייט האבן ערגעץ־וואו א מצבה! נאכן ערשטן איז געבליבן א בערגעלע אש און אנכן צווייטן — א בערגעלע ערד!. ..

נאר זייער אנדענק פונקט ווי זייערע שריפטן זענען אונז פארבליבן ליב און טייער. אפשר איז אט אזא אנדענק פיל וויכטיקער ווי א מצבה־שטיין: און אט דעם אנדענק האבן זיי זיך דאך כשר פארדינט . . .

דוד וואדקא

## „צו דיין אלט ווערן 80 יאר

צום 80 יעריגן געבוירן טאג, פון מיין פריינד און לערער דעם פאעט און דיכטער שמעון וווזעק.

עס פרייט מיך, וואס נאך 5 יאר, קען איך דיך ווייטער באגריסן,
און ווינטש דיר, אז דו זאלסט ווייטער אנגיין מיט דיינע שעפערישע
שאפונגען,
וואס דערקוויקן א יעדן וואס לייענט זיי.

אט נעכטן איז דאס געווען, ווען איך בין ארויפגעקומען
פון די טיפענישן פון די קוילן־גרובן
האב איך דיך ליבער שמעון געזען שטיין אין דער רייע
אום צו קענען אראפ פארן, אין די טיפענישן פון די קוילן־גרובן.

דו, נאך ווייס, ריין, מיט דעם לאמפ אין דער האנד,
איך, שווארץ, שמוציק, פון דעם קוילן־שטויב באדעקט,

האב דיך באלד דערזען, מיר האבן זיך באגריסט מיט אונזער
טראדיציאנעלער ברכה גליק־אושי (דאס הייסט בשלום צוריק
ארויף קומען).
יא עס זעט אויס ווי א חלום.

אדער די דיסקוסיעס, וואס מיר האבן געפירט ביי פרוי סאלאמאן
אויף דער קירך־שטראסע, אין דער צייט פון מוטיק עסען,
אים צו קענען גרינדן א יידישן ארבעטער קולטור־פאריין
(אין עססען רור דייטשלאנד)
אין מיר האבן עס געשאפט,
מיר זענען געווען די גרינדער פון דעם יידישן ארבעטער
קולטור־פאריין עססען.

יא די יארן 1915, 1916, 1917 זענען געווען שווערע, אבער
אינטערעסאנטע,
און יעצט ווינשע איך מיר, אז איך זאל דערלעבן,
דיך צו קענען באגריסן, צו דיינעם 80 יעריקן געבוירן טאג.

בוינעס איירעס דעם 24טן מערץ 1975.

דוד וואדקא און פאני

סעם גאלדבערג

## שמחות ביי יידן אדער שמחות אין יידישן אקטיארן-פאריין

א ליטערארישן־קינסטלערישער נאכמיטאג, געווידמעט דער קינסטלערין, צילי אדלער, צו איר אכציקסטן געבורטסטאג, איז פארגעקומען זונטאג, דעם 5טן דעצעמבער, 1973.

צילי אדלער אליין איז די טאכטער פון דעם גרויסן בינע־קינסטלער, יאקוב אדלער. זאל זי לעבן ביז הונדערט און צוואנציק מיט איר ליבן מאן, דער פילאנטראפ און וויצע־פרעזידענט פון ארטיסטן־קלוב, נייטן פארמאן:

עס זענען אויפגעטרעטן א ריי קינסטלער אויף אט דער פייערונג, צווישן זיי דער ווילנער שרייבער און אקטיאר, יצחק דאגים, מיט א רעציטאציע פון ה. לייוויקס „גולם", וואס איז געווען דערפאלגרייך.

מאקס בראדין, דער פאלקס־זינגער, איז אויך אויפגעטרעטן און מיט א קראנץ שיינע לידער געקליבענע און פון אונזער פאלקלאר. מען מוז מודה זיין, אז ער איז א זינגער מיט פיינעם געשמאק. דערפאר טאקע האט עס דער עולם אזוי אפגעשאצט און אים באשאנקען מיט א גרויסן אפלאדיס־מענט. באגלייט אויף דער פיאנא האט אים זעלדע זלאטן, זיין פרוי, וואס איז אליין אויך א באגאבטע שוישפילערין. זי האט רעציטירט אויף יידיש שלום



עליכם׳ס „דאס מעסערל" און אויף ענגליש „די נאדל און די שפיז" פון אליעזר שטיינבארגס משלים. אויך פון דער ענגלישער איבערזעצונג האט דער עולם גרויס הנאה געהאט.

זיכער איז עס אמאל גוט צו הערן שטיינבארגס א משל אין ענגלישער איבערזעצונג, אויך שאפונגען פון אנדערע יידישע שרייבער. האט טאקע די קינסטלערין, מיט איר רעציטאציע, געשאפן דעם איינדרוק, אז אליעזער שטיינבארג קען בלייבן פאראייביקט אויף פארשידענע לשונות, אפילו אויף טערקיש!

קאנפעראנסיע פונם פעסטיוואל איז געווען די פיינע קינסטלערין, שפרה לערער, וואס האט אדורכגעפירט איר אויפגאבע מיט באמת גרויס טאלענט.

די אונטערנעמונג האט זיך פארענדיקט מיט א פיין מאלצייט פון כל־טוב.

## „א שטעקעלע אריין, א שטעקעלע ארויס"

אין מדרש־איכה און אין די גמרא־אגדות איבער חורבן־ירושלים דערציילט זיך אסך איבער דער קלוגשאפט פון די קינדער פון ירושלים. יענע שיינע מעשהלעך, לערנענדיק אין חדר אין די „דריי וואכן" אין יענער טרויעריקער מסכתא גטין־בלעטער, ווי האבן זיך צעשמייכלט אונזערע קינדער־אייגעלעך!

זיינען דען נישט די אגדתות דער אנהייב פון אונזער שלום־עליכם הומאר? צו קענען אויסהאלטן — טרערן און צער און נישט אומקומען.

אפילו מנדעלעס חוזק מאכן פון יידישער שוואכקייט האט דאך די יידישע הענט געשטארקט, און א בעל־מלאכה אין דער משפחה איז נישט מער קיין חרפה. און פרצס אהבת־ישראל שמייכל דורך חסידישע טרערן איז דאך דער „חזק חזק ונתחזק"! פון אונזער מאדערנער יידישער ליטעראטור.

שוין דאס געניאלע פאלקלאר־ווארט חוזק־שטארק — מאכן חוזק — אויסלאכן! דער איינציקער כוח פונם שוואכן . . .

* * *

גיי איך מיר אזוי איינמאל אין א הייסן תמוז־טאג איבער די גאסן פון סטאמפארד־הילל — א תחום שבת פון אונזער ווייטשעפל — און טרעף א חדר־יונגל מיט פיאהלעך, און פרעג אים: „ביסט שוין א חומש־בחורל?"
„נו, אוודאי, זינט נאך פסח".
„קאנסט מיר זאגן וועלכע סדרה ס׳גייט?"
„בלק", ענטפערט ער מיט זיכערקייט און איינגעהאלטענעם שטאלץ.
זאג איך צו אים, „נאך אזא רשע ווי בלק איז געווען רופט מען אן א סדרה אין חומש?"

קוקט מיך אן דאס יינגעלע מיט אפאר קלוגע, היימישע אייגעלעך; מיט דעם מיליאן קדושים־אייגעלעך פון טויזנטער אומגעקומענע יידישע שטעטלעך:

„ניין, מ׳טאר נישט אזוי זאגן. בלק איז נישט געווען קיין רשע, חלילה־וחס. ער האט נישט געהייסן אונז אויסהרגענען. ער האט נאר געהייסן אונז פארשעלטן!"

גיי איך ווייטער במתינותדיקער, נאכטראכטנדיק וואס איך האב פון דעם קלאָגן חומש־יינגל געלערנט און טרעף א בחורל, מיט א צוויי יאר עלטער שוין, אין א גימנאזיע־היטעלע. אבער אפאר קלוגע, יידישע אייגעלעך קוקן אים ארויס פון אונטערן דאשיק. פרעג איך אים:

„יינגעלע, קענסטו יידיש?"

גיט ער מיר אחוצפהדיק געשריי, טאקע שוין ווי אן אמת גמרא־בחור:

„ביין!"

זע איך אויפן היטעלע די יידישע אותיות, און זאג צו אים, „עס שטייט דאך דא א יידיש ווארט איבער דיין דאשיק: ופרצת!"

ער האט פארשטאנען דעם איראנישן וואונק, און איז אנטלאפן מיט א הנאהדיק געלעכטערל.

* * *

אין מיין ערשטן יאר אין ווייטשעפל, 1937, האט מיר דער מלמד פון דער תלמוד־תורה אין בריק־ליין געזאגט — ווען כ׳האב אים געהערט פאר־טייטשן דאס חומש אויף ענגליש — „אזויפיל און אזויפיל גיט אונז ראט־שילד צושטייער, כדי מיר זאלן נישט פארטייטשן אויף יידיש"; און האט די בליקן נעבעכדיק אראפגעלאזט.

איז נישט פאראן א מימרא־פאלקלאר: „כסף וזהב מטהר ממזרים"?

יעצט זיצן ארום דארט אויף דער חורבה־שוועל שכורים און ביינאכט קריכן זיי דארט אריין דורך די צעבראכענע פענסטער, און דארטן טוט זיך א גאנצע נאכט חושך . . .

ניין, קיין „מאניש" וועט זיך שוין אין דער חורבה שוין נישט באווייזן.

* * *

און טאקע העמלט אויף דעם שפאציר האט מיר א ייד דערציילט, זיך אפשטעלנדיק פאר א מאדערן, ניי־אויפגעבויט הויז, „זעט איר די לובעוויט־שער גימנאזיע? א באקאנטער יידישער מיליאנער האט געגעבן אזויפיל און אזויפיל ת״ק אלפים רענדלעך, כדי דאס הויז אויפצובויען, אבער בתנאי מ׳זאל נישט לערנען אויף יידיש". — איך בין דאך דאנקבאר דעם ייד — א חסידי־שער ייד האט דאך געפיל פינאויסדרוקן א יידיש־ווארט — וואס ער האט געזאגט לובעוויטש, ווארום לובאוויטש איז דאך צו עפעס אנדערש מחייב, אפילו ווען אונטער דעם קאן ליגן „גרויסע" און „טיפע" פאליטיק . . . —

דאס נעמלעכע האב איך אויך אנומלט געהערט, אז דער זעלבער גביר אדיר האט געגעבן א גרויסע סומע א נייע ישיבה־געביידע אויפצובויען אין גייטסהעד.

ווי וואלט געזאגט שלום עליכם׳ס א קאלהמייער ייד, אז מ׳זאגט, גלויבט נישט, נאר מסתם איז עס אמת .. .



נאר אז אויב אין מדינת־ישראל, אינם 28סטן יאר שוין פון איר קיוס־טענץ, זאל נאך אלץ יידיש זיין א לשון־לועזית, גלויבט זיך שוין אלץ.

מ׳מוז דאך עפעס צ׳אַוואַרפן די גבירים, ווארפט מען זיי צו דעם עצם פון יידישקייט.

מילא, יא ישראל נישט ישראל, פאר זיי איז שוין ווערט אלע מיליאנען פון דער וועלט אבי יידיש אומצוברענגען. זיי די מיליאנערן, האבן א גוטן „ביזנעס־חוש": ווען יידיש, חלילה, אונטערגיין, האט שוין די אסימילאציע דעם הונדערט פראצענטיקן נצחון.

און נישט נאר אין די תפוצות: עס איז די געפאר, אז אין צוויי־דריי דורות איז מדינת־ישראל אן אמעריקאניש מדברת־דיקע . . .

* * *

בעסער אנהייבן אין גראמען איידער אין פראזע — ווארום עס ווארפן זיך אין קאפ אזעלכע ווערטער, אז בעסער פארן מויל זיי נישט צו ברענגען—

אין יידיש איז שווער צו זיין אחת בלב ואחת בפה: מאמע־יידיש קאן זיך נישט אויס אין חכמת־האפאליטיקע . . . די העברעער פארשטייען דאך אבער יא דעם טייטש פון פסוק „בצאת ישראל ממצרים ויעקב מעם לועז".

א גרויל גייט איבערן לייב: יידיש א לשון לועזית!

* * *

וואס טוט אלץ נישט די מאמע־יידיש, נעבעך,
די זינד פון דער טאכטער־ציון צו פארדעקן?
ווארום אז מען וויל, אפילו אויף דער זון,
נישט נאר אויף דער לבנה, געפינען זיך פלעקן.

מילא, א טאטן קאן מען פארלייקענען,
אבער א מאמען איז שוין שווערער אביסל —
עס העלפט נישט אסך גאר די גילדענע יויך,
אז נישט ווער עס זאל פארבראקן אין שיסל.

אבער אז ס׳האלט שוין אזוי ווייט, אז ס׳טעכטערל
דער מאמעס פנים אינגאנצן וויל פארשווארצן — — —
איז זי נאך א שפחה און אירע ארבל
איבער די עלנבויגנס זי קאן פארשארצן.

אבער א מאמע איז דאך פארט א מאמע,
און זי בלייבט שטיין אזוי די הענט אויפגעהויבן
און אירע אויגן צארנדיק אנגעצונדן,
קוקן אויף איר טאכטער גאר צוויי גוטע אויגן.

און ווי פון דער תחינה פון שרה בת־טובים,

ביים שבת־ליכט בענטשן שעפטשען אירע ליפן — — —
ווער קאן פארשטיין נאך ס׳וויין פון אירע ווערטער ?
פאר גאט ברוך־הוא טריפט ווארט פאר ווארט איר כליפן.

מיט יארן נאך צוריק, אין דער תקופה ווען די יידישע ליטעראטור איז געווען בתקופתה ווען רייזין, אפאטאשו, לייוויק, יעקב גלאטשטיין האבן נאך געלעבט, איז געקומען א שליח־מיוחד אין שליחות פון די העברעאישע שרייבער אין ישראל קיין ניו־יארק צו די יידישע שרייבער דארט, אז מ׳זאל מקריב זיין יידיש אויפן מזבח פון ישראל.

א ליטעראטור פין א פאלק איז מען נישט מקריב — א גאנץ פאלק ברענגט זיך א קרבן פאר זיין ליטעראטור: „הלואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו״.

און די יסורים של אהבה ביז זי איז אנטשטאנען — דער מסירת־נפש! א מיליאן יידישע קינדער־קדושים.

* * *

„א שטעקעלע אריין, א שטעקעלע ארויס״, אן פאליטיק?
וועט מען דאך טאקע שוין מעגן זאגן: א פידלער אן א סמיק.

* * *

דעם טרעגער פון נאבעל־פרייז פאר שלום.
וואסער אונטערשיד פון א יהודי ביז א ייד?
דער חילוק פון א פאכאלעק און א מעקלער!
א מעקלער: א טאנצדיקער בער, א מאשקע — —
פון א יידישן פאכאלעק, וואס שוין עקלער?

א מעקלער שלעפט צונויף א וואנט מיט א וואנט,
און א סוכת־שלום ווערט אויפגעשטעלט;
א פאכאלעק גראבט זיך אונטער איר אונטער,
ביזגל ס׳איינפאלט ס׳לעצטע ווענטל פון געצעלט.

אלע סודות וואס ביי אונז נאר פאראנען,
טראגט ער צו זיי סודותדיק אריבער;
דאס פרעמדע פאלק, צומאל גרעסטער שונא,
ווי דאס אייגענע פאלק אים א סך ליבער.

די פעלקער, מיט דער הילף פון אזא עבד,
געבן אונז תמיד דעם לעצטן גנאדן שטויס:
„ואהבת לרעך כמוך״—
בחור לו מיתה יפה״! און פארטיק און אויס.

א יידישער מעקלער האט א יאנדעס,
ערגער פון א גוי א יידישער פאכאלעק!
אויף אזא געזאגט געווארן: „דער בעסטער,
קיילער־יונג איז א שותף פון עמלק.

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

7־9   438־40   36׳סטער יארגאנג   יולי־סעפט. 1975   לאנדאן


אינהאלט


תפילה, ווי מיין טאטע מיר פארטייטשט דעם פסוק א.א.וו. ...... *** 3
די גרויסע סוכה (דערציילונג) ...... אברהם רייזין 12
א חשבון הנפש ...... שמעון ווזעק 17
מיין תפילה פאר 1936 א.א. ...... עלא זילבערג 17
מיין זיידע און זיין שטעטל ...... י. ח. בענקוויטש 19
חג הסכות זמן שמחתנו ...... יוסף ווײַנשטיין 21
נגב זאמד, אין א שפאנישן דארף, חלום (דריי לידער) אברהם דוד 24
מיין וויזיט־קארטל אין ווייטשעפל, ווען די קארן פעלדער צייטיקן ...... א. נ. שטענצל 26
א שאטן טראגט מיין קרוין (חסידס בוך לידער) ...... נ. מ. סידא 35
נעט רובין 75׳סטער יובל ...... אייזיק גאלדבערג 37
הבל (ליד) ...... עלזא־לאסקער שילער 38
רחוב יפו (ליד) ...... לואיס סאודן 38
משה רבינו (בילד) ...... אלווא 40
שלום אויף דער וועלט (ליד) ...... דוד בערמאן 41
דר. אהרן שטיינבערג ז״ל ...... יוסף פרענקעל 42
דר. אהרן שטיינבערג און דר. ראטה (פאטא) ...... 43
א שטעקעלע אריין א שטעקעלע ארויס ...... ש. 46
ערשטער אמת (ליד) מעינקע קאץ (מוזיק) ...... מאיר באגדאנסקי 48


יידישע ליטערארישע שבת נאכמיטאגס 3 א זייגער באומאנט־קלוב באומאנט גראוו, א.1. — מיר בעטן צו מערקן דעם נייעם אדרעס.


רעדאקטירט א׳ נ. שטענצל
פרייז 15 פענס

*Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*